בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים

תש"פ

היכל הקודש

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
**Heichal Hakodesh Kiryas Breslev**
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
**Heichal Hakodesh Williamsburg**
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Premishlan Way
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
**Heichal Hakodesh Boro Park**
1011 41st Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
**Heichal Hakodesh Monsey**
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

נָאכְ'ן חוֹזֶק מַאכְן פוּן בְּרֶסְלֶב אַזוֹי לַאנְג, הָאט עֶס יֶעצְט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט!...................................................א

וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פִירְן אֵיידְל?................ג

אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִין יְשִׁיבָה, וָואס טוּ אִיךְ?.ה

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן?........................ז

אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, אָבֶער אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר.................ט

אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָבֶער אִיךְ פַאל נָאכְאַלְץ אַרָאפּ...................................................יא

אִיז תִּיקוּן חֲצוֹת גֶעמַאכְט אוֹיךְ פַאר פָּשׁוּטֶע אִידְן?..............יב

מַיין מֹחַ אִיז פַארְבְּרֶענְט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?...................................................יד

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אִיד מוּטְשֶׁעט נִישְׁט...................................................א

זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה; דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ'ס צִיּוּן...................................................א

מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן...................................................ד

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם.................יא

שְׁטַארְק דִיךְ צוּ דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ "הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ"............יג

שְׁטְרֶענְג דִיךְ אָן צוּ גֵיין הֲפָצָה אֲפִילוּ אִין קָארָאנֶע צַייטְן.............יד

מַזָל טוֹב צוּ דַיין סִיּוּם אוֹיף שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל...................................................טו

אַרײַנְפְלֶעכְטְן אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת אִין דִי פְּסוּקִים פוּן תְּהִלִּים............ טו

רוּף אָן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג.......................................... טז

חַס וְשָׁלוֹם צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער זַאכְן וָואס זֵיי דַארְפְן נִישְׁט וִויסְן.....יז

מַאךְ אַ תְּהִלִּים סִיּוּם פַאר דַיין קִינְד, וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען עִבְרִי...יז

אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועסְטוּ נָאר אַרוֹיסְגֵיין מִיט רְוָוחִים....יט

זַייט מַמְשִׁיךְ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר זֶעט דָאךְ דִי שֵׁיינֶע
פֵּירוֹת...............................................................................יט

דֶער כּוֹלֵל אִיז מִיר אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.............................. כ

אַ מְלַמֵד דַארְף זַיין זֵייעֶר פָּארְזִיכְטִיג וִוי אַזוֹי עֶר רֶעדְט אוּן וִוי אַזוֹי
עֶר פִירְט זִיךְ.......................................................................... כ

וֶוען מֶען אִיז אַייְנְגֶעשְׁפַּארְט אִינְדֶערְהֵיים, זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ......כא

עֵצוֹת פַאר גֶעזוּנְט אוּן צוּ הָאבְן פַּרְנָסָה..................................כב

אוֹיסְלֶעשְׁן דֶעם טֶעלֶעפָאן וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער..............כד

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּצוּגֶעוואוֹינֶען צוּ אַ טֵייעֶר לֶעבְּן..............כד

נִישְׁט שִׁיקְן מִיט דִי קִינְדֶער עֶסְן פַאר מִיטָאג, נִישְׁט מַאכְן
גֶעבּוּרְטְס-טָאג פַּארְטִיס........................................................כז

שְׁרַייבּ זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַלֶע מֶעסֶעדְזְשׁ גְרוּפְּס.............................כז

עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּ וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶע פְּרוֹי.............................כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## נָאכְ׳ן חוֹזֶק מַאכְן פוּן בְּרֶסְלֶב אַזוֹי לַאנְג, הָאט עֶס יֶעצְט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט !

### שְׁאֵלָה :

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם, אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל אַוֶועקְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן בְּרֶסְלֶב, אִיךְ פְלֶעג אַלְץ חוֹזֶק מַאכְן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס טֵיילְן אַרוּם דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ קוּנְטְרֵסִים, אָבֶער יֶעצְט וֶוען אִיךְ זִיץ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אִיךְ בִּין אַיינְגֶעהִילְט אִין שְׁרֶעק פוּן דִי קָארָאנֶע וֵויירוּס, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעבְּרָאכְן אוּן אָנְגֶערוּפְן דִי טֶעלֶעפָאן לֵיין פוּן "קוֹל בְּרֶסְלֶב", אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, עֶס הָאט מִיר מַמָּשׁ צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט דָאס קָאלִיר אוֹיפְ'ן פָּנִים, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן מַיין וַוייבּ זִי זָאל נָאר רוּפְן "קוֹל בְּרֶסְלֶב", זִי זָאל נִישְׁט רוּפְן דִי נַייעֶס לֵיינְס וָואס דֶערְשְׁרֶעקְן אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן לָאזְן נִישְׁט לֶעבְּן.

פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִינְדֶערְהֵיים אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ קוּנְטְרֵס, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אִין לוֹיף פוּן דִי צַייט, אָבֶער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ עֶס אַפִּירְגֶעקְרַאצְט, אוּן אִיךְ זֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס צוּגֶעגְרֵייט מַמָּשׁ פַאר מִיר, סְ'רֶעדְט צוּ מַיין הַארְץ, אִיךְ לֵיין דָארְט מַמָּשׁ וָואס אִיךְ דַארְף יֶעצְט הֶערְן, אוּן סְ'אִיז וִוי נֶערְוֶועְן טַאבְּלֶעטְן פַאר מִיר אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע צַייט.

אִיךְ ווִיל אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיבֶּערְבֶּעטְן אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעמַאכְט אוּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן בְּרֶסְלֶב דִי אַלֶע יָארְן, וַוייל הַיינְט שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אָן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה :

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ -יוֹם ב׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אַלֶע וָואלְטְן גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים; וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ גֵייט מִיט בִּזְיוֹנוֹת, עֶס אִיז אַ גֶעשְׁפֶּעט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז׳, מִזְּבוּב וְעַכָּבִישׁ) וְוִי פַּאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט דֶער סַמַ״ךְ מֶ״ם גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַּארְוָואס הָאסְטוּ מִיר בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיז דֶערְנָאךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקֶן אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפּ גֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה".

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן, שָׁם): "וָואס פַּאר אַן עֵצָה הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעטְרָאפְן? לַאכְן - מֶען לַאכְט פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד", דָאס אִיז דִי עֵצָה; דֶער סַמַ״ךְ מֶ״ם מַאכְט זִיכֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי׳ן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. וֶוען עֶר זֶעט אַז דֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵּן אַלֶעמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ אַלֶע גֶעפַאלֶענֶע, אַזוֹי וְוִי דֶער מְצִיאוּת אִיז, אַז וֶוען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן צִינְדְט זִיךְ אָן אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַן אִינֶערְלִיכֶער פֵייעֶר, דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס טוּט דֶער סַמַ״ךְ מֶ״ם? עֶר לַאכְט אָפּ פוּן דֶעם אוּן מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט, עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט בִּילְדֶער פוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, אַזוֹי הַאלְט עֶר צוּרִיק מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן.

דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן בְּרֶסְלֶב - שְׁפֶּעטְן נִישְׁט פוּן בְּרֶסְלֶב; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, מֶען הָאט זִיךְ נָאר אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן אוֹיף אִים קְרִיגְט מֶען, אִיךְ קְרִיג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ"; מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז. מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, אַ פְּלַאץ פוּן עַזּוּת פְּנִימְ׳עֶר; בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ פְּלַאץ פוּן וֶוערְן נָאנְט

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ פְּלַאץ פוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ פְּלַאץ צוּ קֶענֶען לֶעבְּן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַ לֶעבְּן פוּן גַן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פִירְן אֵיידְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן מִיר גֶעהָאלְפְן אַ גֶעוואַלְד, עֶס הָאט גֶעהָאלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן מַיין שְׁטוּב, אוּן אִיךְ הָאב אַ הֶערְלִיכֶע שְׁלוֹם בַּיִת מִיט מַיין מַאן לְכָבוֹד דִי שִׁיעוּרִים.

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה' לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער מִיט אַסַאךְ עֶנֶערְגִיע, יֶעצְט וֶוען מֶען זִיצְט אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער הָאבְּן מִיר גֶעקוֹיפְט אַסַאךְ עֶרְלֵיי שְׁפִּילְצֵייג אוּן אַרְטְס אוּן קְרֶעפְטְס, אוּן מִיר שְׁפִּילְן אַסַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאב אָבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ זֶע אַז דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל, אוּן רִירְן אָן אוֹיף נִישְׁט אֵיידֶעלֶע פְּלֶעצֶער, אוּן וויפִיל מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט צוּ זֵיי וֶועגְן דֶעם זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, הָאט עֶס נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

דִי שְׁאֵלָה אִיז וָואס מִיר דַארְפְן טוּן ווַייטֶער, מֶער זָאגְן? שְׁרֵייעֶן? אָדֶער נָאךְ מֶער פוּן דֶעם? בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַ גַאנְצְן טָאג אִינְדֶערְהֵיים, מוּזְן מִיר וויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ט נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר יוּנְג אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ׳ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ; פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין דַארְף מֶען זֵיי זָאגְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל: ״דָא טָאר מֶען נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט אָנְרִירְן״, אוּן אוֹיב מֶען זֶעט אַז זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל

וְכוּ׳ גֶעבְּט מֶען אַ פֶּעטְשׁל אוֹיף דִי הֶענְט אוּן מֶען זָאגְט נָאכְאַמָאל מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶע טָאן: ״דָא טָאר מֶען נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט!״ בִּיז זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, וֶועלְן זֵיי זִיךְ הִיטְן אוּן אוֹיף וָואקְסְן הֵיילִיג.

נֶעמְטְס אַרַיין דֶעם כְּלַל, וִוי יוּנְגֶער מֶען הֵייבְּט אָן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אַלְץ גְרִינְגֶער וֶועט זַיין דִי אַרְבֶּעט מִיט זֵיי שְׁפֶּעטֶער, אָבֶּער אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, מֶען טְרַאכְט אַז זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיינְטְשִׁיג וְכוּ׳ וְכוּ׳ - דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער שְׁפֶּעטֶער, בִּפְרַט אִין קְדוּשָׁה; אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט אָן דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער שְׁפֶּעטֶער.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, זֵיי זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין אִין קֵיין שׁוּם מִדָה אוּן זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשָׁה, וַוייל תְּפִלָּה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז אַ זִיכֶערֶע עֵצָה, אַלֶע עֵצוֹת וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר׳ן מֶענְטְשׁ אִיז אַ סָפֵק צִי עֶס וֶועט נִישְׁט עֶרְגֶער מַאכְן אוּן אַ סָפֵק סְפֵיקָא צִי עֶס וֶועט הֶעלְפְן; פַאר אֵיינֶעם הֶעלְפְט עֶס יָא אוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט, עֶס מַאכְט אִים נָאר עֶרְגֶער, אָבֶּער תְּפִלָּה - דָאס אִיז אַ עֵצָה פַאר יֶעדְן, דָאס אִיז אַ זִיכֶערֶע עֵצָה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב.): ״כָּל הַמַּאֲרִיךְ בִּתְפִלָּתוֹ״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טְרֶעט נִישְׁט אָפּ פוּן דֶעם, עֶר בֶּעט אוּן בֶּעט אוּן מוּטְשֶׁעט - ״אֵין תְּפִלָּתוֹ חוֹזֶרֶת רֵיקָם״, וֶועט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֵיין מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, עֶר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן; בִּפְרַט אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וָואס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר הֵיילִיגֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן רֵיין״**, זִי בֶּעט אוֹיף אִיר שְׁפְּרַאךְ טָאג אוּן נַאכְט פַאר אִירֶע קִינְדֶער - וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער בָּנִים צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִין יְשִׁיבָה, וָואס טוּ אִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּט מִיר מַמָּשׁ לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן זֶעכְצֶן יָאר אַלְט, דִי שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶעְרְן אִיז נִישְׁט אַזוֹי גוּט, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן צוּ זֶען ווי מַיינֶע עֶלְטֶעְרְן קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם, דֶערְפַאר בִּין אִיךְ אַוֶועקְגֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין אַ יְשִׁיבָה אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאט, הָאפְּנְדִיג אַז דָארְט וֶועט מִיר זַיין רוּאִיגֶער אוּן גֶעשְׁמַאקֶער.

לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶס אָבֶּער נִישְׁט מַמָּשׁ אַזוֹי, דִי יְשִׁיבָה וואוּ אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִיז זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹי הֲנָאָה דָארְט צוּ זַיין. סַיי דִי סְדָרִים זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, מֶען דַארְף זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע סֵדֶר, אוּן סַיי אִין דָארְמֶעטָארִי אִיז זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, אוֹיבּ טוּ אִיךְ אֵיין קְלֵיינֶע זַאךְ וֶועט מִיר דֶער מַשְׁגִּיחַ מוּטְשֶׁען פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע פָּאר טֶעג אַזוֹי ווי אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵירָה.

אוֹיסֶער דֶעם הָאבּ אִיךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָׁה, אִיךְ דַארְף זִיךְ רַייסְן יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי אִין גַאס, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין פִיל מָאל נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלַן, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ יוּנְג, וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין וֶוען אִיךְ וֶועל וֶוערְן עֶלְטֶער?

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיינְגֵיין אִין אַייעֶר יְשִׁיבָה, זָאל אִיךְ דָאס טוּן? אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מְחַזֵּק זַיין אוּן גֶעבְּן עֵצוֹת ווי אַזוֹי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אֲפִילוּ דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן אִיז דָא אַ וֶועג פַאר דִיר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה וָואס עֶר פָּארֶעט זִיךְ מִיט אוּנְז, מִיט דִי אַלֶע וָואס לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִין עֲבֵירוֹת אוּן קֶענֶען זִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען; דֶער רֶבִּי קוּמְט אוּן

וַוייזְט אוּנְז דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי שְׁטַארְק עֶר הָאט אוּנְז לִיבּ, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל קוּמֶען צוּ אִים, זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן אוּן נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; גֵיי זוּךְ אוֹיף אַ ווִינְקֶעלֶע וואוּ קֵיינֶער זֶעט דִיר נִישְׁט אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט דָארְט אוּן הֵייבּ זִיךְ אָן עֶפֶּענֶען פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים דַיין שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, דֶערְצֵייל אִים פַּארְוָואס דוּ בִּיסְט אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן שְׁטוּבּ, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן ווִי דַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע קְרִיגְן זִיךְ, זָאג אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶכְט וויל אִיךְ זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה, אִיךְ ווִיל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, אָבֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן; אִין שְׁטוּבּ אִיז מִיר גֶעוֶוען בִּיטֶער, יֶעצְט אִין יְשִׁיבָה אִיז מִיר נִמְאָס, דִי מַשְׁגִּיחִים מוּטְשֶׁען, וְעַל כּוּלָם מַיין גְרֶעסְטֶע מוּטְשֶׁע - אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס מוּטְשֶׁעט מִיר, עֶר לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ, עֶר פְלַאקֶערְט אִין מִיר; עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר אַ פַייעֶר פוּן עֲבֵירוֹת. אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע זִינְד, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, גְלֵייבּ מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, יֶעדֶעס מָאל מַאךְ אִיךְ אָפּ: 'פוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ ווָאוֹיל; פוּן יֶעצְט אִיז גֶעעֶנְדִיגְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס' אוּן וַוייטֶער טְרֶעף אִיךְ זִיךְ פּוֹגֵם זַיין".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, חָטָאתִי - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", אוּן עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים נֶעמְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלֵייךְ צוּרִיק, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, טו): "בִּלְעָם הָיָה רָשָׁע עָרוּם, וְיוֹדֵעַ שֶׁכָּל מִי שֶׁחוֹטֵא וְאוֹמֵר חָטָאתִי, אֵין רְשׁוּת לַמַּלְאָךְ לִגַּע בּוֹ", וֶוען בִּלְעָם הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער מַלְאָךְ שְׁטֵייט פַאר אִים מִיט אַ שְׁוֶוערְד אוּן ווִיל אִים הַרְגֶ'עֶנֶען הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעזָאגְט: "חָטָאתִי - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", וַוייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט דֶעם סוֹד אַז וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוּן זָאגְט: "חָטָאתִי" - קֶען אִים קֵיינֶעם נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ קֶען אִים נִישְׁט אָנְרִירְן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם וָוארְט "חָטָאתִי", אַז דֶער מַלְאָךְ זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען טַעֲנָה'ט זִיךְ אוֹיס כִּבְיָכוֹל מִיט אִים, מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין. בִּפְרַט בָּחוּרִים וָואס

זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי, זֵיי וִוילְן חֲתוּנָה הָאבְּן, קֵיינֶער גְלֵייבְּט זֵיי נִישְׁט; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער, נָאר דִי אֱמֶת'עֶ צַדִיקִים - זֵיי טַעֲנָה'ן פַאר דִי בָּחוּרִים פַארְ'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה, אַזוֹי וִוי מוֹהַרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אִיךְ וֶועל טַעֲנָה'ן אוֹיבְן אִין הִימְל פַארְ'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אַז בָּחוּרִים זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, בָּחוּרִים זֶענֶען וואוּיל, דָאס וָואס זֵיי פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, זֵיי זֶענֶען פּוֹגֵם אִין פְּגַם הַבְּרִית, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲשָׂרָה כִּתְרִין דְמִסְאֲבוּתָא - דָאס אִיז וַוייל זֵיי דַארְפְן חֲתוּנָה הָאבְּן, מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין עוֹנֶשׁ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ דִי זְכִיָ' אוּן גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ שְׁרַייבְּן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֶערְט זֵייעֶר אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אוּן זִיךְ בָּרוּךְ ה' אָנְגֶעזָאפְּט מִיט פְּשׁוּט'עֶ אֱמוּנָה.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַ וַוארֶעמְקֵייט אִין מִיר צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֵשֶׁק דָאס אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן פַאר נָאךְ אִידְן, מַשְׁפִּיעַ צוּ זַיין פוּן מַיין וַוארֶעמְקֵייט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאל עֶס זַיין פָארְצוּלֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא אָדֶער מִשְׁנָיוֹת, צוּ מַאכְן אַ פַארְבְּרֶענְג, אוּן דָאס גְלַייכְן.

אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ מַמָשׁ וִוי אִיךְ גֵיי אוֹיס צוּ קֶענֶען מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע, אִיךְ זֶע אָבֶער נִישְׁט קֵיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, אֶפְשָׁר הָאט אִיר פַאר מִיר אַן עֵצָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַז דוּ ווילְסְט בֶּאֱמֶת הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; נֶעם סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן גֵיי דֶערְמִיט אִין הַייזֶער, אִין שׁוּלְ'ן אוּן אִין כּוֹלְלִים, דָאס אִיז אַ תִּיקוּן פַאר אַלֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵן זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וָוער עֶס דַארְף מְתַקֵן זַיין דִי עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, ווי עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ שְׁפִּירְסְט ווי דוּ גֵייסְט מַמָשׁ אוֹיס צוּ מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע, זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ גֶעפִיל ווי דוּ רַאטֶעוֶועסְט מֶענְטְשְׁן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה וָואס וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וָואס אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר יֶעדְן דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט צוּ יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ ווי וַוייט מֶען אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן קֶען מֶען נָאךְ אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח): "תָּא חֲזֵי", קוּם אוּן זֶע, "כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן

דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, אָבֶּער אִיךְ פַּאל כְּסֵדֶר.**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר דִי חִיזּוּק מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' טָאג טֶעגְלִיךְ.

אִיךְ פַּאל אַסַאךְ אִין קְדוּשָׁה, אִיךְ בִּין אַסַאךְ פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן, דִי אוֹיגְן הִיט אִיךְ זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוּן אִיךְ לוֹיף נָאךְ עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע צַייט, אִיךְ הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס פְּרוּבִּירְט, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ עֲלִיּוֹת, אָבֶּער נָאךְ פִיל מֶער יְרִידוֹת, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?

אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת ווִיפִיל אִיךְ קֶען אוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג. אִיךְ זֶע אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אַז רוֹב מָאל וֶוען אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן הָאבּ אִיךְ פּוּנְקְט יֶענֶעם טָאג עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעלָאזְט, אָדֶער דָאס מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דִי קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן פוּן עֲבֵירוֹת וֶועלְן אִים נָאכְלוֹיפְן אוּן אִים פְּרוּבִּירְן צוּרִיק צוּ כַאפְּן; זֵיי לוֹיפְן נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן ווַארְפְן אִים אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק, עֶר גֵייט ווַייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים מְקָרֵב זַיין צוּ דִי קְדוּשָׁה, עֶר ווֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים**

מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, דוּרְכְדֶעם הַרְגֶ'עט עֶר אוֹיס אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער נֶעם דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח): "צְרִיכִין לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה'", וֶוער עֶס ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף וויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, עֶס זָאל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דֶעם מֶענְטְש צִי עֶר פַאלְט אַרָאפּ צִי נִישְׁט, ווַייל דֶער יֵצֶר הָרָע הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפּ ווַארְפְן דֶעם מֶענְטְש, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים חֲלִישׁוּת הַדַעַת, דֶער מֶענְטְש זָאל טְרַאכְטְן כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר ווִיל דֶער מֶענְטְש זָאל אָפְּלָאזְן זַיין ווִילְן; אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז אַן עַקְשָׁן אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, אֲפִילוּ עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, עֶר אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחְמָנָא לִצְלָן דָאךְ גֵייט עֶר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין סוֹף כָּל סוֹף צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, גֶעבּ נִישְׁט נָאךְ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶוען מֶען ווִיל זַיין גוּט הֵייבְּט מֶען אָן פַאלְן, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן תְּשׁוּבָה טוּן הֵייבְּט מֶען אָן הָאבְּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְכִמְעַט שֶׁיִּכְנֹס אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד רַחֲמָנָא לִצְלָן", דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְש גֵייט שׁוֹין אָט אָט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְש גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיין אִין דִי טִיר פוּן קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט פַארְלֵייגְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְ'ן מֶענְטְש מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְש ווֵייסְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז נָאר אִים אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן אוּן אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן - גֶעבְּט עֶר אוֹיף אוּן לָאזְט אַלֶעס אָפּ.

דָאס אִיז דַיין שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס הָאט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער לִיבּ; צוּ זֶען ווִי אַ אִיד וָואס עֶס קָאכְט אִין אִים שְׁמוּץ אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אוּן ווֵיינְט זִיךְ אוֹיס: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת וְכוּ' וְכוּ'"; דָאס קֶען אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ נִישְׁט בַּאווַייזְן.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָבֶער אִיךְ פַאל נָאכְאַלְץ אַרָאפּ.

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב חֲתוּנָה גֶעהַאט אַפָּאר יָאר צוּרִיק, פַאר בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי חִיזּוּק יוֹמִי אוּן דִי דְרָשׁוֹת, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעטוּישְׁט אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, בִּפְרַט אִין אֱמוּנָה אוּן אִין שְׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ הָאב אָבֶער אֵיין זַאךְ אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף נָאךְ אַסַאךְ חִיזּוּק, לֵיידֶער לִיג אִיךְ נָאךְ אִין בְּלָאטֶע, אִיךְ פַאל אַסַאךְ אִין קְדוּשָׁה, לֵיידֶער פַאל אִיךְ נָאכְאַלְץ דוּרְךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן, אוּן וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט. אִיךְ הָאב שׁוֹין פַארְגָאסְן טַייכְן טְרֶערְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין אָבֶער נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְּן גֶעוָוארְן.

אִיךְ הָאב עֶס נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַאר קֵיינֶעם, אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס אָבֶער פַאר אַייךְ וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַ וֶועג אַרוֹיס דֶערְפוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

אִיךְ וַוארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַן הַדְרָכָה וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ, דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאךְ אַלְץ פַאלְסְטוּ אַרָאפּ אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, קֶען זַיין אַז מֶען הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ פַארְדְרֵייטֶע תּוֹרָה; לֵיידֶער לֵיידֶער זֶענֶען פַארְהַאן מַדְרִיכִים וָואס זֶענֶען מַדְרִיךְ חֲתָנִים צוּ לֶעבְּן מִיט פְּרִישׁוּת, מֶען פַארְדְרֵייט זֵיי דָאס לֶעבְּן אוּן דָאס אִיז גּוֹרֵם אַז אִינְגֶעלַייט זָאלְן פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁפֵּיי אוֹיס אַלֶע פַאלְשֶׁע לִימוּדִים וָואס מֶען הָאט דִיר גֶעלֶערְנְט. אוּנְזֶער וֶועג וַוייזֶער אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; נֶעם דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַאר דַיין וֶועג וַוייזֶער, אַזוֹי וִוי מוֹהַרְנַ״ת פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן אַז מֶען

הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צִי הַיינְט אִיז דָא דִי אוּרִים וְתוּמִים, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מַיין אוּרִים וְתוּמִים אִיז דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ; וֶוען אִיךְ דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן קוּק אִיךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ".

אַנְטְלוֹיף פוּן דִי מְנִיָּולִים וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער ווִי פְרוּמֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי נַארְן אַרַיין אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִינְגֶעלַייט אוּן ווַייבְּלֶעךְ מִיט זֵייעֶרֶע פַאלְשֶׁע הַדְרָכוֹת, וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ שְׁרַייבְּן אִין אַ בְּרִיווּ ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ ווַייבּ עַל פִּי תּוֹרָה, מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת; נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא מִיטְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶועסְטוּ זֶען ווִי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן אַ רֵיינֶע לֶעבְּן אָן אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת.

הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מִטּוּלְטְשִׁין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בֵּאוּר הַלִּקּוּטִים") וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים בֶּעטְן הַדְרָכוֹת בִּדְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ', פְלֶעגְט עֶר זָאגְן אֵיין זַאךְ: "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת", גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין כְּרִיתוּת; וֶוען מֶען מֶעג, מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ'; אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיז תִּיקוּן חֲצוֹת גֶעמַאכְט אוֹיף פַּאר פְּשׁוּטֶע אִידְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן קמט) אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תִּיקוּן חֲצוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, וֶוען אוּן וָואס זָאגְט מֶען? אוּן צִי אִיז עֶס נִישְׁט גֶעמַאכְט נָאר פַאר גֶעהוֹיבֶּענֶע אִידְן עוֹבְדֵי ה'? ווַייל אִיךְ קֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף חֲצוֹת.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן זָאגְן "תִּיקּוּן חֲצוֹת" ווייל מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים; דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ לֵייגְן אַרָאפּ תִּיקּוּן חֲצוֹת כְּאִילוּ דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, מֶען צִינְדְט אָן אַ לִיכְט אוּן מֶען זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט אַ זַאק וְכוּ'; מֶען לֵייגְט דָאס אַרָאפּ אַזוֹי דְרַאמַאטִישׁ אוּן מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז נָאר פַאר צַדִיקִים וָואס זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס וְכוּ'. אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, תִּיקּוּן חֲצוֹת דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְן, דָאס אִיז אַן הֲלָכָה אִינֶעם עֶרְשְׁטְן סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף ב) אוּן אַזוֹי טוּעֶן אַלֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, מֶען זָאגְט יֶעדֶע נַאכְט תִּיקּוּן חֲצוֹת.

אַז מֶען קֶען זִיךְ אַיינְפִירְן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי - אִיז אַוַדַאי דָאס דִי וֶועג, אָבֶּער דֶער מְצִיאוּת וַוייזְט אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן הָאט זִיךְ דִי וֶועלְט צוּגֶעווֹאוֹינְט אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט דֶערִיבֶּער הָאט אוּנְז מוֹהֲרָאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אַז מִיר זָאלְן זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת פַאר מִיר גֵייעֶן שְׁלָאפְן, עֶס קוּמְט סֵיי ווִי אוֹיס רוֹב מָאל צוּ גֵיין שְׁלָאפְן נָאךְ חֲצוֹת.

תִּיקּוּן רָחֵל אִיז צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעךְ (קַאפִּיטְל קלז): עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל אוּן (קַאפִּיטְל עט): מִזְמוֹר לְאָסָף. דֶערְנָאךְ זָאגְט מֶען (אֵיכָה ה): זְכוֹר ה' מֶה הָיָה לָנוּ, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען תִּיקּוּן לֵאָה (קַאפִּיטְל כד): לְדָוִד מִזְמוֹר, (קַאפִּיטְל מב): כְּאַיָּל תַּעֲרֹג, (קַאפִּיטְל מג): שָׁפְטֵנִי, (קַאפִּיטְל כ): יַעַנְךָ ה', (קַאפִּיטְל סז): לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת, (קַאפִּיטְל קיא): אוֹדֶה ה', (קַאפִּיטְל נא): בְּבוֹא עָלָיו נָתָן הַנָּבִיא, (קַאפִּיטְל קכו): שִׁיר הַמַּעֲלוֹת; שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אוּן וֶוען מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן, זָאגְט מֶען נִישְׁט תִּיקּוּן רָחֵל, נָאר דִי זֶעקְס קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תִּיקּוּן לֵאָה.

וֶוען מֶען זָאגְט דֶעם תִּיקּוּן חֲצוֹת דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע גָלוּת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסח): "וֶוען דוּ זָאגְסְט תִּיקּוּן חֲצוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ אִינְזִין הָאבְּן; "**אֵיכָה נֶחֱרַב הָאוּלָם**", **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם** אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן חָרוּב וְנֶחְרַב, "**עַד אָן יִצְעַק בַּשְׁבִי**", וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל זַיין אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ בַּיים יֵצֶר הָרָע וְכוּ'?! מֶען וֵויינְט: "**עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּה**", אִיךְ וֵויין **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם**, "**עֵינִי עֵינִי יֹרְדָה מַּיִם**", אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן וָואס אִיךְ הִיט

**נִישְׁט; אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת, וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם: "כִּי רָחַק מִמֶּנִּי מְנַחֵם מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אַז אִיךְ זָאל זִיךְ דֶערְנָוויַיטֶערְן פוּנֶעם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז "מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית. "הָיוּ בָנַי שׁוֹמֵמִים", אִיךְ זִינְדִיג בְּהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, "כִּי גָבַר אוֹיֵב", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף מִיר; אַלֶעס צוּלִיבּ "עֵינִי עֵינִי", אַז מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט רֵיין.**

**ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם, עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּ זָאגְן בַּיינַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת אוּן אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## מַיין מֹחַ אִיז פַארְבְּרֶענְט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר אוֹיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן גֶעבְּן אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעווָאוֹינְהֵייטְן.

שׁוֹין פוּן אַלְץ גָאר קְלֵיין קִינְד פְלֶעג אִיךְ זִיךְ שְׁפִּילְן זֵייעֶר נִישְׁט אֵיידֶל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְווִישֶׁע פַאמִילְיֶע, בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן דִי זַאכְן, אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעווָאוּסְט אַז אִיךְ טוּ עֲבֵירוֹת, אוּן אַזוֹי הָאב אִיךְ זִיךְ לֵיידֶער צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת.

דָאס הָאט מִיר בַּאגְלֵייט וַוייטֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין יְשִׁיבָה, אוּן מִיט דִי שְׁכֵנִים אוּן שְׁכֵנוֹת, מַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז נָאר גֶעפָּארְן אוֹיף עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ הָאב אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ גֶעשַׁאפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן צוּ זֶען עֲבֵירוֹת, בִּיז אִיךְ בִּין שׁוֹין יֶעצְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַז אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ, מַיין קָאפּ טְרַאכְט נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן עֲבֵירוֹת, וֶוען אִיךְ קוּק אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט מַיין קָאפּ גְלַייךְ אוֹיף עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן.

אִיךְ דַארְף שׁוֹין אַרַיינְגֵיין יֶעצְט אִין יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, אוּן אִיךְ בִּין מַמָּשׁ פַארְלוֹירְן, אִיךְ מוּז טְרֶעפְן אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים אוּן גֶעדַאנְקֶען, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן אַן עֵצָה פַאר מִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ג׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער מִיט דִיר אַלֵיין אִיז אֵיין צָרָה, אָבֶער דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ טוּסְט מִיט דַיינֶע שְׁכֵנִים, דוּ נֶעמְסְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ מִיט זֵיי, דוּ זוּכְסְט וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט זֵיי אָנְכַאפְּן אוּן קוּקְן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט; דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג אוּן מֶען וֶועט דִיר אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה אָדֶער אִין אַ מְשׁוּגָעִים הוֹיז פַאר דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, ווַייל וֶוער עֶס שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט קִינְדֶער, עֶר אִיז זֵיי מְטַמֵּא רַחְמָנָא לִצְּלָן, אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה פַארְ׳ן לֶעבְּן.

שְׁטֵיי ווַייט פוּן קִינְדֶער אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, דָאס אִיז אַ שְׁפִּיל מִיט פֵייעֶר, מֶען בַּאצָאלְט זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז. אָפְּגֶערֶעדְט פוּן דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן, וואוּ דוּ וֶועסְט גֵיין אוּן וואוּ דוּ וֶועסְט שְׁטֵיין וֶועלְן דִי קִינְדֶער דִיר בַּאזִינְגֶען מִיט קַאצְן מוּזִיק, מֶען וֶועט שְׁרַייעֶן אִין אַלֶע גַאסְן, מֶען וֶועט טַייטְלֶען מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִיר: ״דָא גֵייט דֶער מְנִיָּוּל!״ אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט מִיט שְׁטַארְקֶע בִּזְיוֹנוֹת; פְרֶעג אִיךְ דִיר: ״וָואס פֶעלְט דִיר דָאס אוֹיס?״

יֶעצְט בְּנוֹגֵעַ דִיר אַלֵיין; אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַזַא פַּאסְטְקֶע, פוּן אַלְס קִינְד הָאסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, מִיט שְׁכֵנִים וּשְׁכֵנוֹת, קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס הַרְגְ׳ט דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיסְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַז דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ, דַיין קָאפּ טְרַאכְט נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן עֲבֵירוֹת, וֶוען דוּ קוּקְסְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט דַיין קָאפּ גְלַייךְ אוֹיף עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דוּ שְׁרֵייסְט אוּן בֶּעטְסְט אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין מַצָּב, דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, נִישְׁט דָא אַזַא

זאַךְ ׳מֶען הָאט פַארְשְׁלָאסְן דִי וֶועגְן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי צָרָה׳, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ ווייסְט נִישְׁט דִי וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין, עֶר זֶעט נִישְׁט דִי טִיר אַרוֹיס; אוֹיף דֶעם הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס נְשָׁמָה עֶר זָאל אוּנְז בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, עֶר זָאל אוּנְז וַוייזְן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוּנְז וַוייזְן דֶעם וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דִי רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן, דִי וֶועג אִיז ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳; אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין יֶעדְן טָאג אִין אַ פְּרִיוַואטֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט זָאל עֶר שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, שְׁלֶעכְטֶע דִיבּוּרִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אִים טוּן. אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דָאס אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אֵיינֶעם, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס וָואס מֶען בֶּעט אִים, בִּפְרַט וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְּלָן, דֶעמָאלְט פַארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, וַוייל בְּרִית מִיט אֱמוּנָה גֵייט גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן לא), אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"; מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר נִישְׁט׳, ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר׳, בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט אַז עֶר גֵייט נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, "כְּכֶלֶב שָׁב עַל קֵאוֹ (מִשְׁלֵי כו, יא)", אַזוֹי וִוי אַ הוּנְט גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין שְׁמוּץ; מֶען פַאלְט אוּן מֶען פַאלְט בִּיז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין נָאךְ טִיפֶערֶע בְּלָאטֶעס, בִּיז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְלוֹירְן אַז מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן מַחֲשָׁבוֹת פוּן עֶנְדִיגְן דָאס לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק אִין אָנְהוֹיבּ נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אֵיינֶעם, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי אֵיינֶער הֶערְט אוֹיס, דָאךְ גֵייט מֶען וַוייטֶער אוֹיף דֶעם וֶועג, מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּיְ׳ן; מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - נִישְׁט אֵיין מָאל נִישְׁט צְוֵויי מָאל נָאר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, מֶען בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף מִיר, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אִיךְ זִינְדִיג אִין פְּגַם הַבְּרִית אוּן אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן. יֶעדֶער

**מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ בִּין אַ וואוילֶער בָּחוּר, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי טִיף אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער".**

בֶּאֱמֶת אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין בִּיסְטוּ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַן עֲבֵירָה; דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַלֶע דַיינֶע יָארְן אָן וִויסְן בִּכְלַל אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס הַרְגְ'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְ'ן לֶעבְן.

בַּיי דִי מְקוֹמוֹת וָואס הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט מִיט צַדִיקִים דָארְט אִיז אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן קְדוּשָׁה, אֲפִילוּ בַּיי דִי חֲסִידִישֶׁע יְשִׁיבוֹת זֶענֶען דָא פְּלֶעצֶער וָואס הָאבְן אַ שִׁיטָה נִישְׁט צוּ רֶעדְן וְכוּ', בִּפְרַט בַּיי דִי מְקוֹמוֹת וָואס גֵייעֶן נִישְׁט אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ - דָארְט רֶעדְט מֶען נִישְׁט; דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט אַלְס יוּנְג קִינְד צוּ דִי מַעֲשִׂים, פוּן וואוּ וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט וִויסְן וָואס דָאס אִיז?! פוּן וואוּ וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט וִויסְן אִין וָואס פַאר אַ פְּלָאנְטֶער אִיךְ לֵייג זִיךְ אַרַיין?!"** דוּ הָאסְט וָואס צוּ טַעֲנָה'ן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג, דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן קֶענֶען טְרַאכְטְן, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן קֶענֶען גֵיין צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע וֶועגְן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אִיר מוּטְשֶׁעט נִישְׁט.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ח נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט מִיר שְׁרַייבְּן אוּן שְׁרַייבְּן אוּן שְׁרַייבְּן; דָאס הֵייסְט נִישְׁט מוּטְשֶׁען, אוּן אֲפִילוּ מוּטְשֶׁען דַארְף מֶען וְכוּ׳.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בְּקָרוֹב וֶועט אִיר זַיין אַ כַּלָּה.

...

**זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה; דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ׳ס צִיוּן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר טָהֳרָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ בִּירוּשָׁלַיִם.**

"רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ (מִשְׁלֵי יט, כא)", אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אוּן מַאכְט פְּלֶענֶער אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין פְּלַאן צוּ זַיין דִי וָואךְ מִיט דִי יְשִׁיבָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; זַייט מוֹהֲרָא״שׁ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן פָאר אִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים יֶעדֶעס יָאר אוֹיף אַ נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוועןנְלִיךְ אַ וָואךְ צַייט אִין יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב, הֵיי יָאר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין פְּלַאן צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן פַאר דִי

גַאנְצֶע וֶועלְט; אַלֶע לֶענְדֶער אָן קַיין אוֹיסְנַאם זֶעעֶן דֶעם ׳יַד הַשֵּׁם׳, אַז עֶס אִיז דָא אַ ׳מַנְהִיג לַבִּירָה׳, עֶס אִיז דָא אַ פִירֶער וָואס פִירְט אַלֶעס און מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אָן אִים, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֵייט, עֶס נוּצְט נִישְׁט קַיין טֶעכְנֶעלָאגְיֶע, קַיין פָארְגֶעשְׁרִיטְנְקֵייט און אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אֵיין זַאךְ הֶעלְפְט, אַז מֶען דַאוֶונְט און מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דָאס הֶעלְפְט.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר צוּ עֶנְק, צוּ יֶעדְן פוּן אַייךְ בַּאזוּנְדֶער און נָאךְ מֶער בֶּענְק אִיךְ זִיךְ צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא״ש; אִיךְ וַוארְט שׁוֹין צוּ קֶענֶען גֵיין אַבִּיסְל מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ און זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי אִיר אַלֶע וֵוייסְן פוּן דֶעם פְּלַאץ און אִיבֶּער דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן דֶעם פְּלַאץ, עֶס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט וָואס מֶען שְׁפִּירְט דָארְט בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ; מוֹהֲרָא״ש שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא״ש, סִימָן ה): ״וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה״, אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען דוּרְךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, ״כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה״, אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, ״וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם״, און אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוֹעֵלְ׳ן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר – אַ יְשׁוּעָה.

דָאס זֶעט מֶען מַמָּשׁ בִּמְצִיאוּת; וֶוען מֶען קוּמְט קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא״ש כַאפְּט אָן פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. אַדְּרַבָּה, פְּרוּבִּירְט דָאס אוֹיס; פַאר אַייךְ יְרוּשָׁלַיִם׳עֶר אִידְן אִיז דָאס גְרִינְגֶער צוּ טוּן וִוי פַאר אוּנְז אַמֶערִיקַאנֶער אִידְן; עֶס קֶען זַיין אַז פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאס שְׁוֶוערֶער פַאר יְרוּשָׁלַיִם׳עֶר, וַוייל אִין יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען דָא אַסַאךְ לֵצִים הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן אַייךְ אַז צְווִישְׁן אַייךְ – אִין חַבוּרַת הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם – אִיז נִישְׁט דָא קַיין לֵצָנוּת, מֶען לֶעבְּט מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תַּם פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט׳ – מֵחָכָם וְתָּם): ״נָאר אָן לֵצָנוּת״, אִיז דָאךְ פַאר אַייךְ גְרִינְגֶער זִיךְ אַרִיבֶּער צוּ כַאפְּן קַיין יַבְנְאֵל, בַּיי דֶעם מָקוֹם קָדוֹשׁ.

אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב צוּ קֶענֶען קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז דִי מְדִינָה שֶׁל גֵיהִנּוֹם לָאזְט שׁוֹין גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן מֶען לָאזְט שׁוֹין דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן, זָאלְט אִיר זַיין שְׁטַארְק מִיט מִקְוֶה; בִּפְרַט יֶעצְט בִּימֵי הַסְּפִירָה - זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף מֶער מַקְפִּיד זַיין אוֹיף טְבִילַת עֶזְרָא (סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת סְפִירַת הָעֹמֶר, חֵלֶק ב', סִימָן ב): "בְּיוֹתֵר צָרִיךְ לְהִזָּהֵר לִטְבֹּל לְקִרְיוֹ בִּימֵי עֹמֶר".

בִּכְלַל אִיז מִקְוֶה גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא)"; וֶוען מֶען וִויל מְתַקֵּן זַיין וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּכְלָלִיּוּת אוּן בִּפְרָטִיּוּת אִין פְּגַם הַבְּרִית אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ 'מִקְוָה'. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה", אַז מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוָה אִיז מֶען מְבַטֵּל אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ יְשׁוּעָה; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין", אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוָה נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים.

שְׁטַארְקְט אַייךְ יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אַייךְ מִיט אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, יֶעדֶער זָאל לֶערְנֶען אוֹיף זַיין וֶועג, אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, דֶער עִיקָר זָאל מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי פִיר לִימוּדִים: מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ, וַוייל דִי פִיר לִימוּדִים זֶענֶען קֶעגְן דִי פִיר וֶועלְטְן עֲשִׂיָּה, יְצִירָה, בְּרִיאָה אוּן אֲצִילוּת, וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי פִיר לִימוּדִים בְּרֶענְגְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַזֶעלְכֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייב וֶועט זַיין שְׁוֶוער דִי לִימוּדִים, קֶען זַיין מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס, זָאלְט אִיר אָבֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, זַייטְס מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן גוֹרֵס זַיין, זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער - בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אַ פְּרִיוַואטֶע טוֹבָה, יֶעצְט פֶּסַח אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאשְׁרַייבּוּנְג פוּן דִי יְשִׁיבָה אִין אֵיינֶע פוּן דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע מַאגַאזִינֶען; אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַלֶע אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט קַיין שׁוּם מַאגַאזִין, אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים וֵוייסְן דָאס אוּן שְׁטֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶעם ווִי מֶען שְׁטֵייט אַוֶועק פוּן גְרַף שֶׁל רְעִי. אִיךְ הָאף אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פוּן אֵיינֶער פוּן אַייעֶר חֲבוּרָה; אִיךְ בֶּעט אַייךְ שְׁטֵייט אַוֶועק פוּן דֶעם, דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט. מִיר הָאבְּן אוּנְזֶער וֶועג פוּן הֲפָצָה, דָאס אִיז דוּרְךְ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן דִיסְקִים וְכוּ'. אוּנְזֶער זַאךְ אִיז תּוֹרָה וּתְפִלָּה; אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט זֵיי אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי צוּ טוּן, אִיךְ נֶעם נִישְׁט אַרַיין בַּיי

מִיר אִין שְׁטוּב קַיין שׁוּם מַאגַאזִין אוּן קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג, נִישְׁט קַיין גוֹי׳שֶׁע אוּן זִיכֶער נִישְׁט קַיין אִידִישֶׁע.

פוּן דִי אִידִישֶׁע צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען דַארְף מֶען מֶער אַנְטְלוֹיפְן וִוי פוּן דִי גוֹי׳שֶׁע, וַוייל וֶוען מֶען לֵיינְט גוֹי׳שֶׁע צֵייטוּנְגֶען לֵיינְט מֶען נָאר דִי נַייעֶס, מֶען נֶעמְט נִישְׁט אָן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ, מֶען לֵיינְט נִישְׁט דִי הַשְׁקָפוֹת פַּאר׳ן לֶעבְּן וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז דָאס אִיז חֲזִיר טְרֵיף, אָבֶּער וֶוען מֶען לֵיינְט דִי אִידִישֶׁע צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען כַאפְּט מֶען נִישְׁט וָואס מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ, מֶען לֵיינְט זִיךְ אָן מִיט פַארְדְרֵייטֶע זַאכְן אוּמְוואוּסְנְדִיג.

שְׁטַארְקְט אַייךְ טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה; אֲפִילוּ יֶעצְט וֶוען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְלוֹירְן וֶועגְן דִי קוֹרוֹנָה טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן. מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּב מִיט דִי קִינְדֶער שׁוֹין אַפָּאר וָואכְן, דַארְף מֶען זַיין אַ הֶעלְד אוּן מְחַזֵק זַיין דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, נִישְׁט אַרוּם גֵיין מִיט אַן אַרָאפְּגֶעלָאזְטְן נָאז, מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר טָהֲרָה, א׳ דְראֹש חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

דָא שְׁרַייבְּט צוּ דִיר דַיין ״אַלְטֶער״ רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר; אִיךְ פְרֶעג זִיךְ אַלְץ נָאךְ בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צִי דוּ קוּמְסְט דַאוֶוענֶען צְווִישְׁן זֵיי, צִי דוּ הָאסְט נָאךְ שַׁייכוּת מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעהַאט אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים הָאט מִיר אֵיינֶער פוּן דַיינֶע ״נַייעֶ״ חֲבֵרִים אַרַיין גֶעמוּרְמְלְט אִין אוֹיעֶר אִין דַיין נָאמֶען אַז דוּ בֶּענְקְסְט זִיךְ צוּ דֶער ״אַלְטֶער״ רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דוּ זָאגְסְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז שׁוֹין נִישְׁט וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַמָאל. יֶענֶער אִינְגֶערְמַאן, דַיין ״נַייעֶר״ חַבֵר (וָואס לוֹיט וִוי אִיךְ גֶעדֶענְק הָאסְטוּ

נִישְׁט גֶעהַאט מִיט אִים און מִיט דִי אַנְדֶערֶע "נֵייעֶ" חֲבֵרִים קַיין שַׁיְיכוּת אִין יְשִׁיבָה) - הָאט מִיר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, אַ לַאנְגֶע צַייט הָאט עֶר מִיר גֶעשְׁרִיגְן אִין אוֹיעֶר אַז דַיין הַארְץ אִיז צֶערִיסְן, דַיין הַארְץ אִיז צֶעפְּלִיקְט, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער "אַלְטֶער" רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶס קֶען זַיין אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי סַאךְ אִין יְשִׁיבָה, דֶערְפַאר מֵיינְסְטוּ אַז דֶער "אַלְטֶער" רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא, ווִיל אִיךְ דִיר מוֹדִיעַ זַיין אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זִיצְט אִין יְשִׁיבָה פוּן שְׁנַת תשס"ט עַד הַיּוֹם הַזֶּה, און וֶועט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעהֵייסְן טוּן, מְחַזֵּק זַיין בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן צוּ וָואס אִיךְ בֶּענְק זִיךְ; אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ מַיין טַייעֶרֶער "אַלְטֶער" תַּלְמִיד ... וָואס הָאט זִיךְ "יָא" גֶעטוֹישְׁט (אִיךְ הָאף אַז דָאס אִיז נָאר אַ צַייטְוֵוייליגֶע זַאךְ), אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ מַיין תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ מַיין תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהַאט שְׁמִירַת עֵינַיִם, צוּ מַיין תַּלְמִיד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמוּץ טֶעלֶעפָאן ה' יִשְׁמְרֵינוּ, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ מַיין תַּלְמִיד וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען יֶעדְן טָאג צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה און דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִי תְּמִימוּת, דִי אֱמוּנָה, דִי זוּיבֶּערְקֵייט וְכוּ', וְכוּ'.

טַייעֶרֶער ..., פַארְוָואס זָאלְסְטוּ פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן זִיבֶּעצִיג יָאר בְּזֶה הָעוֹלָם מִיט נַארִישְׁקֵייטְן? וָואס בְּלַייבְּט דֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ? גֶעבּ אַ קוּק וָואס גֵייט פָּאר יֶעצְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוער הָאט גֶעקֶענְט פָּארְאוֹיס טְרַאכְטְן וָואס וֶועט פַּאסִירְן? מֶען זֶעט אָפְן אַז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ מִיט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, נָאר דָאס אִידִישְׁקֵייט בְּלַייבְּט, נָאר דָאס נֶעמְט מֶען מִיט.

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין אַזוֹי ווִי אַמָאל אִין דִי "אַלְטֶע" גוּטֶע צַייטְן וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דֶער "אַלְטֶער" רֹאשׁ יְשִׁיבָה. הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, בַּאנֵיי זִיךְ, הוֹיבּ אָן גֵיין אוֹיף דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן, דִי וֶועג פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", וָואס דָאס אִיז דִי "אַלְטֶע" וֶועג; אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ פִיר אַייךְ אוֹיף אַ 'נֵייעֶם' וֶועג וָואס אִיז אַן 'אַלְטֶע' וֶועג פוּן אַבְרָהָם, יִצְחָק און יַעֲקֹב וָואס הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת".

גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט, זָאלְסְט

פַארְמַאכְן דַיין טֶעלֶעפָאן, זָאלְסְט זַיין אִינְגַאנְצְן אַלֵיין און אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַאר'תַּכְלִ'וֶוען מַיינֶע יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן דֶעם גֶעפִיל צוּ רֶבִּי'ן, דֶעם גֶעפִיל צוּ צַדִּיקִים –אַזוֹי וִוי אִין אָנְהוֹיבּ פוּן מַיין הִתְקָרְבוּת. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וֵויין צוּ דִיר, אִיךְ פְרֶעג זִיךְ אַלֵיין: וָואס גֵייט פָאר? וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר? אַמָאל פְלֶעג אִיךְ לִיבּ הָאבְּן תְּמִימוּת'דִיגֶע חֲבֵרִים, אִיךְ פְלֶעג זַיין אַ תָּמִים, אִיךְ הָאבּ גֶעאָטֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן, גֶעאָטֶעמְט יִרְאַת שָׁמַיִם, פַארְוָואס הַיינְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט דֶעם גֶעפִיל? פַארְוָואס לַאךְ אִיךְ זִיךְ אוֹיס וְכוּ', וְכוּ'?"

פָאלְג מִיר טֵייעֶרֶער "אַלְטֶער" חָבֵר, פִיר זִיךְ מִיט דֶעם וֶועג וֶועסְטוּ זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן, דוּ וֶועסְט זַיין פְרִישׁ, דוּ וֶועסְט הָאבְּן דֶעם זִיסְן טַעַם אִין לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁפִּירְט אַמָאל.

יֶעצְט בְּשָׁעַת אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר כַאפּ אִיךְ זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ יָא גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער "אַלְטֶער" רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וִוי אַמָאל, יָארְן צוּרִיק, פְלֶעג אִיךְ זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פִירְן מִיט תַּלְמִידִים, וֶוען אַ תַּלְמִיד הָאט זִיךְ גֶעפִירְט נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין פְלֶעגְט אִים דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְן וָואס עֶר הָאט אִים גֶעהַאט צוּ זָאגְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פְלֶעגְט זַיין זֵייעֶר שַׁארְף, אָן קַיין פְּשָׁרוֹת; אָבֶּער לֶעצְטְנְס, דִי לֶעצְטֶערֶע יָארְן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶער שְׁמֵייכְלֶען און נִישְׁט זָאגְן וָואס עֶס לִיגְט אוֹיפְ'ן הַארְץ.

אִיז יֶעצְט אַז אִיךְ הֶער פוּן דַיינֶע "נֵייעֶ" חֲבֵרִים אַז דַיין הַארְץ אִיז צֶערִיסְן, דוּ בֶּענְקְסְט זִיךְ צוּ דִי אַמָאלִיגֶע צַייטְן, צוּ דִי "אַלְטֶע" צַייטְן; וֶועל אִיךְ דִיר צוּלִיבּ טוּן, אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן וָואס לִיגְט מִיר דִיר צוּ זָאגְן און אוֹיפְהֶערְן שְׁמֵייכְלֶען און שְׁוַוייגְן.

גֶעדֶענְקְסְט וֶוען מִשְׁנַיוֹת אִיז גֶעוֶוען אַ טֵייל פוּן דַיין קֶערְפֶּער? אַ טֵייל פוּן דַיין נְשָׁמָה? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס אַרָאפְּלֵייגְן און אָפְּלָאזְן דַיין נְשָׁמָה?! גֶעדֶענְקְסְט וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען רֶעדְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן מִיט חֲבֵרִים וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן און מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן?!

דַיין "נֵייעֶר" חָבֵר זָאגְט מִיר אַז אִיר טוּט זִיךְ צַאמְקוּמֶען, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה וְכוּ', אָבֶּער דִיר זָאג אִיךְ אַז וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי חֲבוּרָה קֶלֶעבְּט אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן וִוי עֶס קֶלֶעבְּן בָּאנְדְלֶעךְ צוּם וַואנְט; הַלְוַואי

זָאלְסְטוּ מַאכְן חַבוּרוֹת, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דַיינֶע "אַלְטֶע" חֲבֵרִים אוּן רוּפְן דַיין "אַלְטֶער" רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וֶועסְטוּ הֶערְן פוּן אִים דִי זֶעלְבֶּע דִיבּוּרִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט פַּאר יָארְן צוּרִיק.

גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי וֶוער עֶס הָאט מְקָרֵב גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וואוֹילֶער אִיד אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר - ר' לִיפָּא וֶועלְכֶער הָאט גֶעוואוֹינְט אִין נֶעמִירוּב, רֶבִּי נָתָן מִיט זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאבְּן גֶעזֶען ווִי שַׁיין עֶר דַאוֶוענְט, מִיט אַזַא זִיסְקֵייט, אַזוֹי ווִי אֵיינֶער רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר אוּן בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן. זֵיי זֶענֶען גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען אוּן מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. יָארְן שְׁפֶּעטֶער אִיז ר' לִיפָּא נִתְרַחֵק גֶעוָוארְן אוּן אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם רֶבִּי'ן. אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאגֶעגְנְט דֶעם ר' לִיפָּא אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "לִיפָּא! עִמָּנוּ הֱיִיתֶם! בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיט מִיר בַּיים רֶבִּי'ן, וואוּ בִּיסְטוּ הַיינְט?!" הָאט אִים ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט.

וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה? ר' לִיפָּא אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס צוּ אַ יְרִיד, אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן זַיין אוֹיף שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן, מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט עֶר גֶעוַוארְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט פָארְן צוּם יְרִיד פַארְדִינֶען גֶעלְט. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעוואוּסְט בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז ר' לִיפָּא'ס קָאפּ אִיז נִישְׁט דָא, עֶס אִיז עֶרְגֶעץ ווייט אַוֶועק, בַּיים מַאכְן גֶעלְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט הוֹיךְ: "גֶעלְט אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע אוֹיגְן פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ, עֶס לַאכְט אוּן שְׁמֵייכְלְט צוּם מֶענְטְשׁ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן בַּיים סוֹף הַרְגְ'עט עֶס דֶעם מֶענְטְשׁ"; ר' לִיפָּא הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען. אוֹיף אִים הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שטו): "תְּמֵהַּ אֲנִי", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, "אֵיךְ מַשְׁלִיכִים", ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְלָאזְן, "חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה כָּזוֹ", אַזַא טֵייעֶרֶע בַּאלִיבְּטֶע חַבוּרָה וְכוּ', וְכוּ'.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד, טֵייעֶרֶער חַבֵר, דוּ ווייסְט ווִי שְׁטַארְק דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם יִמַח שְׁמוֹ הָאט פַיינְט דֶעם רֶבִּי'ן? עֶר שְׁטֵייט אוּן לָאקֶערְט טָאג אוּן נַאכְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו.): "אִינְהוּ נְפִישֵׁי מִינָן", זֵיי [דִי קְלִיפּוֹת] זֶענֶען מֶער פוּן אוּנְז, "וְקָיְימִי עֲלַן", אוּן זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף אוּנְז "כִּי כִּסְלָא לְאוּגְיָא", אַזוֹי ווִי זַאמְד אַרוּם אַ גְרוּב; אַזוֹי שְׁטֵייט

דֶער סַמֵ"ךְ מֶ"ם אוּן לָאקֶערְט אוֹיף יֶעדְן פוּן אוּנְז אִים צוּ מְרַחֵק זַיין פוּן רֶבִּי'ן, עֶר בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף אַן אַנְדֶערְן וֶועג. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע קוּמְט עֶר צוּ מִיר מִיט אַ נַייעֶ וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְטְרַאכְטְן פוּן פָאַרְאוֹיס".

דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט מוֹרָא וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק, וַוייל דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק לֶעבְּט; לֶעבְּן מֵיינְט אַז מֶען לֶעבְּט אַ לֶעבֶּעדִיגֶע לֶעבְּן, מֶען הָאט לִיבּ דִי תּוֹרָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ צוּ גֵיין דַאוֶונֶען, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ פַאר שַׁבָּת, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ פַאר יוֹם טוֹב וְכוּ', וְכוּ'; מֶען פַארְבְּרֶענְגְט נִישְׁט דִי יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַוֶועק דִי טֵייעֶרֶע צַייט אוֹיף צוּ קוּקְן אִין טֶעלֶעפָאן וְכוּ', וְכוּ'; דֶערִיבֶּער זוּכְט דֶער יֵצֶר הָרָע אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן רֶבִּי'ן, יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ צְוֵוייטֶע וֶועג.

בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד, חַזֶר זִיךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עב): "לִפְעָמִים בָּא לָאָדָם הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, וְנַעֲשֶׂה בְּאוֹתוֹ שָׁעָה אִישׁ כָּשֵׁר", אַמָאל כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אַ גוּטֶע גֶעדַאנְק, אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה אִין אַ מֶענְטְשׁ; דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל זַיין גוּט, עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, "וְאַחַר כָּךְ רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת עֻבְדָא בַּאֲשֶׁר שֶׁנִּתְעוֹרֵר לָבוֹא לִתְשׁוּבָה בְּכֵן רוֹצֶה לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק", עֶר אִיז מַחְלִיט אַז עֶר פָארְט צוּם צַדִּיק, "וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנּוֹסֵעַ", נָאכְדֶעם וֶוען עֶר פָארְט שׁוֹין צוּם צַדִּיק, "מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע, וְנוֹפֵל מִתְּשׁוּקָתוֹ שֶׁהָיָה לוֹ תְּחִילָּה", אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל פַארְלִירְן דֶעם חֵשֶׁק, "וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁבָּא לְהַצַּדִּיק", נָאכְדֶעם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין בַּיים צַדִּיק, "מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע עוֹד יוֹתֵר", אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים נָאכְמֶער, "וְאוֹבֵד כָּל חֶשְׁקוֹ", אוּן עֶר פַארְלִירְט דֶעם גַאנְצְן חֵשֶׁק.

דָאס אִיז וָואס מֶען זֶעט כְּסֵדֶר אוּן דָאס אִיז מַיין נִסָּיוֹן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶועזְן צוּ הָאבְּן דִי יְשִׁיבָה שׁוֹין צְוֶועלְף יָאר, פוּן שְׁנַת תשס"ט; עֶס קוּמֶען אַרַיין בָּחוּרִים, מֶען צִינְדְט זֵיי אָן, זֵיי הֵייבְּן אָן בְּרֶענֶען אוּן פְלַאקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּם צַדִּיק אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, זֵיי שְׁלָאגְן זִיךְ מִיט אַלֶע מְנִיעוֹת וְכוּ', וְכוּ'; בִּיז שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה אַז מֶען קוּמְט שׁוֹין צוּם צַדִּיק, וֶוען דֶער רֶבִּי עֶפְנְט דִי טִיר, דָאס אִיז וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, וַוייל פַאר דִי חֲתוּנָה לָאזְט נִישְׁט דֶער רֶבִּי קוּמֶען; בַּיים רֶבִּי'ן הָאבְּן בָּחוּרִים נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מָקוֹם, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט

זָאגְן פַּאר בָּחוּרִים: "דוּ וֶועסְט צוּרִיק קוּמֶען מִיט אַ טַלִית".

קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ בָּחוּר וֶוערְט מְקוּרָב, עֶר וִויל, עֶר בֶּענְקְט אוּן גְלִיסְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, דֶער יֵצֶר הָרָע מוּטְשֶׁעט אִים מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת; עֶר פַאלְט אַרַיין אִין בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת, אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְט הָאט עֶר דֶעם חֵשֶׁק. אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה, פְּלוּצְלִינְג: "מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע עוֹד יוֹתֵר", שְׁטַארְקְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן עֶס פַּאסִירְט דָאס עֶרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען פַּאסִירְן פַאר'ן מֶענְטְשׁ - "וְאוֹבֵד כָּל חִשְׁקוֹ", עֶר פַארְלִירְט דֶעם גַאנְצְן חֵשֶׁק.

דָאס אִיז וָואס מֶען זֶעט אוּן מֶען הָאט גֶעזֶען אַלֶע יָארְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; מוֹהַרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, אַ בָּחוּר הָאט אַ גֶעפִּיל צוּם רֶבִּי'ן וַוייל עֶר דַארְף חִיזוּק, שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה הֵייבְּט זִיךְ אָן אַלֶעס פוּן פְרִישׁ, מֶען דַארְף נָאכְאַמָאל מְקוּרָב וֶוערְן, מֶען דַארְף פוּן פְרִישׁ וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ.

מַיין נִסָיוֹן אִיז אַז מֶען שְׁטֵייט אוּן מֶען אִיז מְחַזֵק בָּחוּרִים, מֶען גֶעבְּט אַוֶועק דִי לֶעבְּן, דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער אוּן דִי גֶעזוּנְט, אַלֶעס, אַלֶעס פַּאר אַנְדֶערֶע, אוּן שְׁפֶּעטֶער וַוארְט מֶען צוּ זֶען פֵּירוֹת, אָבֶּער עֶס פַּאסִירְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וְאוֹבֵד כָּל חִשְׁקוֹ", מֶען פַארְלִירְט דִי חֵשֶׁק, מֶען קִילְט זִיךְ אָפּ וְכוּ'; אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קוּמֶען פְרִישֶׁע בָּחוּרִים, זֵיי בֶּעטְן חִיזוּק, זֵיי ווִילְן אַוֶועק נֶעמֶען דִי צַייט, דִי וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער, אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת: 'לָאז אָפּ', 'פַארְמַאךְ דִי טִיר', 'אַ שָׁאד דִי צַייט'; דֶעמָאלְט דַארְף אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט צוּהֶערְן דִי מַחֲשָׁבוֹת, נָאר פוּן פְרִישׁ נֶעמֶען פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

דָאס אִיז נָאךְ אַ קְלֵיינֶע נִסָיוֹן; נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ שְׁטֶערְקֶערֶע נִסָיוֹן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרַאכְטְן וָואס צוּ טוּן דֶערְצוּ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים; דוּ נֶעמְסְט אַ טֵייעֶרֶע וואוּלֶע אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֵיידְל וָואס וִויל אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר בָּחוּר, זִי וִויל לֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער "תָּם" הָאט גֶעלֶעבְּט, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים; אִיךְ צוּקְרִיג זִיךְ מִיט אַלֶעמֶען אַבִּי צוּ מַאכְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דִי וַוייבּ הֵייבְּט אוֹיף שְׁטִילֶערְהֵייט אַ טֶעלֶעפָאן אוּן וֵויינְט: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מַיין מַאן אִיז נִישְׁט דֶער 'אַלְטֶער' מַאן מִיט וֶועם אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן 'נֵייעֶ' חֲבֵרִים וָואס שְׁלֶעפְּן אִים אִין נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, רֹאשׁ יְשִׁיבָה - וֵויינְט זִי - צוּלִיב דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעדַארְפְט מוּטְשֶׁען צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר

בָּחוּר וְכוּ׳, וְכוּ׳ ? !״ פוּן דֶעם וֶועלְט מִיר דָאס הַארְץ זֵייעֶר צֶערִיסְן אוּן אִיךְ שְׁטֵיי פַאר אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן וֶוען עֶס קוּמְט נָאךְ אַ מֵיידְל אוּן בֶּעט: ״רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ ווִיל דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ הֶער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן דִי זִיסֶע לֶעבְּן פוּנֶעם תַּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט׳ - מֵחָכָם וְתָם) וָואס הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַלֶע טַעֲמִים אִין זַיין בְּרוֹיט אוּן אַלֶע טַעֲמִים אוּן זַיין וַואסֶער וְכוּ׳, וְכוּ׳״, עֶס קוּמְט אַרַיין אִין מַחְשָׁבָה: ׳פַארְוָואס זָאל אִיךְ מַאכְן שִׁידוּכִים וֶוען שְׁטִילֶערְהֵייט וֵויינֶען פְרוֹיעֶן, נָאכְדֶעם וָואס זֵייעֶרֶע מֶענֶער זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״וְאוֹבֵד כָּל חִשְׁקוֹ״, דִי חֵשֶׁק, דִי גְלִיסְטוּנְג, דִי ווִילְן - הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאשְׁן?׳ וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ גֵיי שְׁטִילֶערְהֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווֵיין צוּ אִים, אִיךְ וֵויין פַּאר אַלֶע תַּלְמִידִים, פַּאר אַלֶע שִׁידוּכִים אוּן פַּאר אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִיךְ בִּין מְחַזֵּק שְׁטִילֶערְהֵייט דִי ווַייבֶּער (פַארְוָואס שְׁטִילֶערְהֵייט? וַוייל זֵיי הָאבְּן מוֹרָא וְכוּ׳) אַז זֵיי זָאלְן דַאוֶוענֶען אוּן הָאבְּן סַבְלָנוּת, זֵיי זָאלְן וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְ׳ן הַארְץ, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַבִּיסְל זָאלְסְט ווִיסְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר; מִיט דֶעם אַלֶעם בִּין אִיךְ פְרֵיילִיךְ, רוֹב טָאג בִּין אִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ חוּץ וֶוען אִיךְ גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת דֶעמָאלְט וֵויין אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל גֵיין אוֹיפְ׳ן אֱמֶת׳ן וֶועג, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נא): ׳דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן׳; אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ דֶער נַאר פוּן וֶועם דֶער רֶבִּי רֶעדְט? אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל נָאר דִיר; אִיךְ ווִיל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל נָאר זֶען דִיר, אִיךְ ווִיל נָאר הֶערְן דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן קַיין אֵיין רֶגַע פוּן דִיר; אֲפִילוּ אַלֶע רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם זָאל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מְחַיֶּ׳ וּמְהַוֶּה דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה״.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, עֶס בֶּענְקְט צוּ דִיר דַיין ״אַלְטֶער״ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס ווִיל טְרֶעפְן דֶעם ״אַלְטְן״ תַּלְמִיד ... וָואס פְלֶעגְט בְּלֶעטֶערְן דֶעם מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא; דִי מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא הָאט גֶעלֶעבְּט, עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ נְשָׁמָה, מִיט אַ הַארְץ. מַאךְ אוֹיךְ הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אִין אַ ווִינְקֶעלֶע אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויין צוּ אִים; אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וֵויינֶען, דֶער הַארְץ אִיז דִיר פַארְשְׁטָאפְּט פוּן הֶערְן אַזוֹיפִיל נַארִישְׁקֵייטְן, פוּן אוֹיסְהֶערְן גוֹיִם טְמֵאִים - זֵייעֶרֶע דֵיעוֹת אוּן עֵצוֹת, צִי אִין בִּיזְנֶעס צִי סְתָּם זַאכְן, זָאלְסְטוּ רֶעדְן קַאלְטֶע טְרוּקֶענֶע וֶוערְטֶער בִּיז דֶער קְוַואל וֶועט זִיךְ

עֶפֶּענֶען; עֶס וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין אֵיין טָאג אוּן נִישְׁט אִין אֵיין וָואךְ, דוּ וֶועסְט דַארְפְן גְרָאבְּן אוּן גְרָאבְּן אַזוֹי וִוי מֶען גְרָאבְּט אַ קְוָואל, מֶען גְרָאבְּט אוּן גְרָאבְּט, אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען גְרָאבְּן גָאר טִיף בִּיז מֶען טְרֶעפְט וַואסֶער; אַזוֹי אִיז מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מֶענְטְשׁ וַוארְט צוּ גִיסְן טְרֶערְן, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל שְׁפִּירְט מֶען פַארְלָאשְׁן אוּן פַארְקְלַאפְּט, אִיז דִי עֵצָה צוּ גְרָאבְּן אוּן גְרָאבְּן, רֶעדְן טְרִיקֶענֶע וֶוערְטֶער.

**זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס אִיז מִיר פִּינְסְטֶער, אִיךְ בִּין פַארְלָאשְׁן, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר"**, וֶועסְטוּ מִיט דִי צַייט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען רֶעדְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף אַז נָאכְן לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו וֶועסְטוּ זִיךְ טְרֶעפְן מִיט דַיין "אַלְטֶער" רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן בֶּענְקֶען צוּ דִי תְּמִימוּת'דִיגֶע יָארְן. דוּ גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז עֶר הָאט לִיבּ תְּמִימוּת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ קַיין לֵצָנוּת, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז וֶוען אִיךְ הֶער פוּן אֵיינֶעם לֵצָנוּת הֵייבּ אִיךְ זִיךְ אָן עֶקְלֶען פוּן אִים, אִיךְ עֶקְל זִיךְ פוּן לֵצָנוּת, פוּן חוֹזֶק מַאכְן פוּן תְּמִימִים. דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט אַלֶע יָארְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ לִיבּ גֶעהַאט דַיין תְּמִימוּת. אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט דָאס נָאךְ אִין דִיר, עֶס אִיז נָאךְ זִיכֶער אִין דִיר, קֶען זַיין אַז עֶס אִיז פַארְדֶעקְט גֶעוָוארְן מִיט אַסַאךְ זַאמְד; מִיט קוּקְן אוּן הֶערְן גוֹיִם טְמֵאִים, עֲרֵלִים, פַארְשְׁטָאפְּטֶע הֶערְצֶער - רֶעדְן, זִיךְ וֶוערְטְלֶען אוּן זָאגְן עֵצוֹת, מִיט דֶעם אַלֶעם גְלֵייבּ אִיךְ אַז מֶען קֶען טְרֶעפְן אוּנְטֶער דִי זַאמְד דֶעם מַיִם חַיִּים, דֶער נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

אִיךְ דַארְף שׁוֹין לוֹיפְן צוּ מַיינֶע בָּחוּרִים, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן "אַלְטֶער" רֹאשׁ יְשִׁיבָה - "נֵייעֶר" רֹאשׁ יְשִׁיבָה, זֵיי דַארְפְן חִיזוּק.

אִיךְ הָאף דִיר נָאךְ צוּ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר אוּן בֶּענְקְט צוּ דִיר.

...

**בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר טָהֳרָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ',

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה פוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע חֲדָשִׁים, עֶס זָאל אַייךְ גְרִינְג אָנְקוּמֶען בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דוּרְכְאוֹיס דִי נַיין חֲדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט וְכוּ' זָאל מֶען יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועען פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען זָאל זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֶׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע; דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַז וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיסְוֶוייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ נִיסִים, מֶען זָאל הָאבְּן דָאס קִינְד גְרִינְגֶערְהֵייט.

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְן זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן גְרִינְגֶערְהֵייט אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה וֶועט אַלֶעס גֵיין גְרִינְג.

...

**שְׁטַארְק דִיךְ צוּ דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ".**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר טָהֳרָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט דַאוֶוענֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יֶעצְט וָוען דוּ בִּיסְט מַעְלָה דִי נְשָׁמָה פוּן דַיין טַאטֶע׳ן, מִיט יֶעדֶע קַדִּישׁ גֵייט אַרוֹיף דִי נְשָׁמָה הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען מֶען זָאגְט קַדִּישׁ אִין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶ שְׁטִיבְּל אִיז דָאךְ דָאס אֵין לְשַׁעֵר.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער אִיךְ זֶע קְלָאר וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם יִמַח שְׁמוֹ הָאט פַּיינְט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶר לָאקֶערְט מִיט צֵיין אוּן נֶעגְל אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן תַּלְמִיד אִים אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן פוּן רֶבִּי׳ן.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אוּן קוּם דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; וִוי נִישְׁט, אַז מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּאקוּמְט מֶען חִיזּוּק אוֹיף תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בַּאקוּמְט חִיזּוּק אוֹיף אֱמוּנָה.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (סֵפֶר אֶרֶךְ אַפַּיִם, פֶּרֶק ה) דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס הָאט בְּזֶה הָעוֹלָם אַ קִינְד וָואס אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אִיךְ בְּרֶענְג דִיר דֶעם לָשׁוֹן: "כִּי כְּשֶׁבְּנוֹ יִתְבּוֹדֵד פֹּה לְמַטָּה וְיִתְדַּבֵּק עִמּוֹ יִתְבָּרַךְ", וַוייל וֶוען זַיין זוּן אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל יְדֵי זֶה יַעֲלֶה אֶת אָבִיו בַּעֲלִיּוֹת אַחַר עֲלִיּוֹת מַעְלָה מַעְלָה וְכוּ׳, וְכוּ׳", דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר אַרוֹיפְגֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, "וְכַמָּה אַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבּוֹי רִבְבוֹת נְשָׁמוֹת יְקַנְאוּ אוֹתוֹ עַל נוֹעַם חֶלְקוֹ וּמַזָּלוֹ הַטּוֹב", אוּן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת וֶועלְן אִים מְקַנֵּא זַיין, "שֶׁזָּכָה לְהַשְׁאִיר בְּזֶה הָעוֹלָם בֵּן עוֹבֵד ה׳ וּמִתְבּוֹדֵד וּמִתְדַּבֵּק עִמּוֹ יִתְבָּרַךְ", אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִיבֶּערְצוּלָאזְן אוֹיף דִי וֶועלְט אַ זוּן אַן עוֹבֵד ה׳ וָואס אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהוּא בֵּין חֲבוּרָה קְדוֹשָׁה כָּזוֹ, בֵּין הַצַּדִּיקִים הַקְּדוֹשִׁים הַמְקַבְּלִים בְּכָל יוֹם פְּנֵי הַשְּׁכִינָה", אוּן אִיז אִין אַ חֲבוּרָה פוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס לֶעבְּן מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אַשְׁרֵי לוֹ וְאַשְׁרֵי חֶלְקוֹ", ווֹאוֹיל אִיז אִים אוּן ווֹאוֹיל אִיז זַיין חֵלֶק.

...

**שְׁטְרֶענְג דִיךְ אָן צוּ גֵיין הֲפָּצָה אֲפִילוּ אִין קָארָאנֶע צַייטְן.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר טָהֳרָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַז דוּ ווִילְסְט אַ גֶעשְׁרִיבֶּענֶע בְּרִיוו נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ גֶעשְׁרִיבֶּענֶע בְּרִיוו; דָאס וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהֵייבְּן גֵיין ״הֲפָּצָה״, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען דִי וֶועלְט אִיז אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין דִי שְׁטוּבֶּער צוּלִיבּ דִי מַחְלָה פוּן ״קָארָאנֶע״ הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דַארְפְן דִי מֵפִיצִים זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין ״הֲפָּצָה״.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶס אִיז גְרִינְגֶער דָאס גֵיין הֲפָּצָה אִין פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען טְרֶעפְט מֶער מֶענְטְשְׁן אִינָאֵיינֶעם, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אִין שׁוּל׳ן, אִין רֶעסְטוֹרַאנְטְן, בַּיי חֲתוּנוֹת וְכַדוֹמֶה; אָבֶּער יֶעצְט וֶוען אַלֶעס אִיז פַארְשְׁפַּארְט דַארְף מֶען זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען און זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ גֵיין פוּן שְׁטוּבּ צוּ שְׁטוּבּ מְחַיֶ׳ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

נֶעכְטְן הָאט מַיינְס אַ מוּמֶע דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, אַז זִי הָאט בַּאקוּמֶען בַּיים טִיר דֶעם ״קוּנְטְרֵס קָארָאנֶע״ פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זִי זָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיין גֶעקוּקְט אִין דִי סְפָרִים, נָאר הֱיוֹת אִיךְ בִּין שׁוֹין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אַפָּאר וָואכְן און אִיךְ הַאלְט פַאר׳ן אוֹיסְפְּלַאצְן, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דִי קוּנְטְרֵס און דָאס הָאט מִיר מַמָשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט״.

דֶערִיבֶּער טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ...، אִיךְ בֶּעט דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ אִין הֲפָּצָה; קוּם קוֹיפְן פֶּעקְלֶעךְ קוּנְטְרֵסִים, פֶּעקְלֶעךְ סְפָרִים און סִידִיס, און גֵיי פוּן שְׁטוּבּ צוּ שְׁטוּבּ גֶעבְּן לֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער וָואס גֵייט הֲפָּצָה גֶעבְּט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר ווִיל, עֶר אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶענְטֶער פוּן גְרוֹיסֶע גְדוֹלִים וְכוּ׳, וְכוּ׳.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

### מַזָל טוֹב צוּ דַיין סִיּוּם אוֹיף שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר טָהֳרָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב צוּ דַיין סִיּוּם אוֹיף שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד, הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה ט:): ״אֵינוֹ דוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה וְאֶחָד״, עֶס אִיז נִישְׁט גְלַייךְ דֶער וָואס לֶערְנְט הוּנְדֶערְט מָאל צוּ דֶער וָואס לֶערְנְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

גֵיי וַוייטֶער, הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן בְּזֶה וּבַבָּא.

טֵייעֶרֶער ..., אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין פְּלַאן צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גְלַייךְ נָאךְ פֶּסַח, יֶעצְט וַוארְט אִיךְ אַז דִי גְרֶענִיצְן זָאלְן זִיךְ עֶפֶּענֶען וֶועל אִיךְ גְלַייךְ קוּמֶען צוּ עֶנְק.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ ווִינְקֶעלֶע אוּן שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם פוּן גַן עֵדֶן.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### אַרַיינְפְלֶעכְטְן אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת אִין דִי פְּסוּקִים פוּן תְּהִלִּים.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר טָהֳרָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס וְכוּ׳; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַלֶעס זָאל גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

זָאגְטְס יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין אִין דִי פְּסוּקֵי תְּהִלִּים

אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת. מֶען פְלֶעגְט הֶערְן וִוי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן תְּהִלִּים, הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי זֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן דִי מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים; זֵיי פְלֶעגְן טַייטְשְׁן דִי פְּסוּקֵי תְּהִלִּים, וִוי דָּוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קיח, ח): "טוֹב לַחֲסוֹת בַּה' מִבְּטֹחַ בָּאָדָם", עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, "ה' לִי לֹא אִירָא, מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם (שָׁם, ו)", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן אַ צְוֵוייטְן; זָאלְט אִיר אַזוֹי זָאגְן דִי תְּהִלִּים.

יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶס בּוֹיט אוֹיף אַ שְׁטַארְקֵייט אוּן אַ זִיכֶערְקֵייט, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר מַאן, עֶר אִיז לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר.

...

## רוּף אָן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג רֶעדְן מִיט דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע; אֲפִילוּ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף אוֹיךְ רֶעדְן יֶעדְן טָאג מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זֵייעֶר נִזְהָר זַיין אִין דֶעם; דִי תַּלְמִידִים דֶערְצֵיילְן אַז יֶעדְן טָאג נָאךְ שַׁחֲרִית פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אוּן אָנְרוּפְן זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן פַאר עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זַיין טַאטֶע.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דוּ וֶועסְט רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן מִיט זֵיי; זֵיי פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט זֵיי הֶעלְפְן וְכוּ', דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה וָואס דִי תּוֹרָה בֶּענְטְשְׁט דִי וָואס זֶענֶען מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן (שְׁמוֹת כ, יב): "לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**חַס וְשָׁלוֹם צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער זַאכְן וָואס זֵיי דַארְפְן נִישְׁט וִויסְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַס וְשָׁלוֹם צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער זַאכְן וָואס זֵיי דַארְפְן נִישְׁט וִויסְן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ זֵיי נָאר חָרוּב מַאכְן.

דוּ רֶעד צוּ זֵיי נָאר זַאכְן וָואס הָאט מִיט זֵיי; זֵיי דַארְפְן וִויסְן אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ׳ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אָן קֵיין הֶסְבֵּרִים אוּן אָן קֵיין טַעֲמִים. וֶוען מֶען זֶעט בַּיי קִינְדֶער אַז זֵיי גֶעבְּן נִישְׁט אַכְטוּנְג, זָאגְט מֶען זֵיי נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז זֵיי הֵייבְּן אָן לֶעבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַז מֶען וִויל פּוֹעֶלְ׳ן בַּיי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, קֶען מֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין מִיט אֵיין מָאל רֶעדְן; מֶען דַארְף כְּסֵדֶר רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרִים פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ הָאף אַז דֶער בְּרִיוו וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ דִיר נָאךְ פַאר דוּ וֶועסְט זֵיי חָרוּב מַאכְן.

...

**מַאךְ אַ תְּהִלִּים סִיּוּם פַאר דַיין קִינְד, וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען עִבְרֵי.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְט אִיר מַאכְן אַ סִיּוּם פַאר אַייעֶר קִינְד וָואס הָאט גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים; דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין חֵשֶׁק אוּן רָצוֹן וַוייטֶער צוּ זָאגְן תְּהִלִּים. עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן צִי עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט יֶעדֶעס וָוארְט אָדֶער נִישְׁט, צִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעם גַאנְצְן תְּהִלִּים אָדֶער אוֹיסְגֶעלָאזְט וְכוּ׳, דֶער סִיּוּם וֶועט אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן עֶר זָאל בַּאקוּמֶען זֶעלְבְּסְטזִיכֶערְקֵייט.

מוֹהַרָא״שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אַמָאל הָאט פַּאסִירְט בַּיים גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים וַואלָאזְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אוּן עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד - אַ גֶעשֶׁעפְטְסְמַאן, אוּן רֶבִּי חַיִּים הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִים מְלֹא קוֹמָתוֹ ! שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים אִים גֶעפְרֶעגְט הֲיִתָּכֵן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד, עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין כְּבוֹד הַתּוֹרָה, הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער אִיד הָאט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ שַׁ״ס, הָאבְּן זִיךְ דִי תַּלְמִידִים צוּלַאכְט... וִוי גֶעזָאגְט ׳וָואס הָאט שׁוֹין זַיין שַׁ״ס בִּכְלַל אַ חֲשִׁיבוּת? עֶר אִיז דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין לַמְדָן׳, הָאט זֵיי רֶבִּי חַיִּים גֶעזָאגְט: ״לַאכְט נִישְׁט ! אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַז עֶס אִיז דָא אַן אַלְטֶע שַׁ״ס ׳דְּפוּס זַאלְצְבַּאךְ׳ וָואס אִיז פוּל מִיט טָעוּתִים, עֶס פֶעלְט גַאנְצֶע שִׁירוֹת גְמָרָא; שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעדְרוּקְט אַ נֵייעֶ שַׁ״ס ׳דְּפוּס אַמְסְטֶערְדַאם׳ וואוּ מֶען הָאט פַארְרַאכְטְן אַלֶע גְרַייזְן אוּן אַלֶעס וָואס פֶעלְט, מֶען הָאט אוֹיךְ צוּגֶעלֵייגְט הַגָּהוֹת פוּן גְּדוֹלִים; מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אוֹיף שַׁ״ס זַאלְצְבַּאךְ אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין שַׁ״ס, עֶס אִיז זִיכֶער אַ שַׁ״ס, נָאר אַ שַׁ״ס מִיט גְרַייזְן, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיט דֶעם פָּשׁוּטְ׳ן אִיד, עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ״ס, נָאר וָואס דֶען? עֶס הָאט טְעוּתִים, עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס - אִיז עֶר נִישְׁט עֶרְגֶער פוּן שַׁ״ס זַאלְצְבַּאךְ״.

זָאלְט אִיר זִיכֶער מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן אַייעֶר זוּן וָואס גֵייט עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט מִיט גְרַייזְן אוּן חֲסֵרוֹת, דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן אִין אִים אַ חֵשֶׁק צוּ גֵיין וַוייטֶער.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אִים פַארְרֶעכְטְן עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען גוּט עִבְרִי; מַאכְט אַ פְּרָאגְרַאם עֶר זָאל וֶועלְן זָאגְן עִבְרִי. עֶס זֶענֶען דָא סְפֶּעצִיעֶלֶע סְפָרִים אוֹיסְצוּלֶערְנֶען קִינְדֶער זָאגְן עִבְרִי; מַאכְט דָאס פְּרִיוַואט כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן. אוֹיךְ וֶוען אִיר טַייטְלְט אוֹיפְ׳ן וָוארְט אוּן עֶר זָאגְט נִישְׁט גוּט דַארְפְט אִיר נִישְׁט זָאגְן: ״נִישְׁט גוּט״, נָאר בְּלַייבְּט מִיטְ׳ן פִינְגֶער אוֹיפְ׳ן וָוארְט וֶועט עֶר וִויסְן אַז עֶר דַארְף טְרַאכְטְן אוּן צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ וָואס עֶר זָאגְט, אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְזָאגְן גוּט דָאס וָוארְט. אוּן וֶוען עֶר זָאגְט גוּט דָאס וָוארְט זָאלְט אִיר אִים זָאגְן הוֹיךְ מִיט אַ שְׁמֵייכְל: ״אַ מְחַיֶּה !״ אוּן אַז עֶר הֵייבְּט אָן אַ וָוארְט הַאלְבְּוֶועגְס גוּט אוּן אִינְמִיטְן לוֹיפְט עֶר צוּם קוּמֶענְדִיגְן וָוארְט אוּן זָאגְט נִישְׁט גוּט, זָאלְט אִיר אִיבֶּערְזָאגְן דִי חֵלֶק וָוארְט וָואס עֶר הָאט גוּט גֶעזָאגְט אוּן בְּלַייבְּן שְׁטִיל, וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר דַארְף דָאס אִיבֶּערְזָאגְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער אַז אַלֶע זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אוֹיב וֶועסְטוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועסְטוּ נָאר אַרוֹיסְגֵיין מִיט רְוָוחִים.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ יֶעצְט וֶוען דִי מַחְלָה פוּן קָארָאנֶע הָאט אוֹיפְגֶעשָׁאקֶלְט דִי וֶועלְט אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעבְּלִיבְן אָן קַיין פַּרְנָסָה, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין פִירְט אַלֶעס, עֶר שְׁפַּייזְט אַלֶעמֶען אוּן עֶר גֶעבְּט פַּרְנָסָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקֶן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף נָאר מַרְוִיחַ זַיין פוּן דִי גַאנְצֶע אִיבֶּערְגַאנְג.

אֲפִילוּ לְעֵת עַתָּה הָאסְטוּ פַּארְלוֹירְן אַסַאךְ גֶעלְט דָאךְ זָאג אִיךְ דִיר אַז אוֹיב דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, שְׁטַארְק מִיט דִי תּוֹרָה אוּן שְׁטַארְק מִיטְ׳ן דַאוֶוענֶען - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין נָאר מִיט רְוָוחִים.

מֶעגְסְט אַמָאל אַרוֹיף קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה זִיךְ בַּאגְרִיסְן.

...

### זַייט מַמְשִׁיךְ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר זֶעט דָאךְ דִי שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ בְּרֶענְג אַייךְ אַ גְרִיס פוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער; זֵיי פִירְן זִיךְ לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר.

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, עֶר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל פַאר דִי מוֹסָד אוּן פַאר דִי קְהִילָה; אוֹיךְ אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ

אֶרֶץ און גוּטֶע מִדּוֹת.

דָאס אִיז אַ חִיזוּק פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְ'ן דַאֲוֶועןֶ און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ זָאלְט אִיר מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְ'ן מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע; אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט מִיט אַנְדֶערֶע זָאל זַיין גֶעפְלָאכְטְן מִיט אֱמוּנָה און אֱמוּנַת חֲכָמִים.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ שְׁטֶענְדִיג און פַאר אַייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

...

### דֶער כּוֹלֵל אִיז מִיר אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ וִויל דִיר גֶעבְּן אַ גְרִיס פוּן דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג אִין אוּנְזֶער כּוֹלֵל גְמָרָא און הֲלָכָה.

מִיר הֵייבְּן אָן דֶעם טָאג אִין כּוֹלֵל צֶען אַזֵייגֶער; דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר אִיז דֶער בְּלַאט גְמָרָא, נָאכְדֶעם אוּם עֶלְף אַזֵייגֶער לֶערְנֶען זֵיי יֶעצְט הִלְכוֹת שַׁבָּת בִּיז פִּיר אַזֵייגֶער, נָאכְדֶעם אוּם פִינְף אַזֵייגֶער לֶערְנֶען זֵיי הִלְכוֹת טָהֳרָה.

עֶס קֶען זַיין אַז אִיךְ הָאב אַ נְגִיעָה און אִיךְ קֶען נִישְׁט מֵעִיד זַיין אוֹיפְ'ן כּוֹלֵל, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אַז דֶער כּוֹלֵל אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ; דִי אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג, אַלֶע וָואס זֶעעֶן דֶעם כּוֹלֵל זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ חִידוּשׁ שֶׁבְּחִידוּשִׁים.

דֶער כּוֹלֵל אִיז מִיר אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז בַּיי מִיר דִי חָשׁוּב'סְטֶע זַאךְ פוּן דִי קְהִילָּה. אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף דֶעם, אַז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן דַיָּנִים וָואס וֶועלְן פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁאֵלוֹת פַאר דִי קְהִילָּה.

...

### אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג וִוי אַזוֹי עֶר רֶעדְט און וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּתַלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוואוּסְט וִוי חָשׁוּב דוּ בִּיסְט אִין הִימְל וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיף דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד.

אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען גָאר אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אַ מְלַמֵּד, אַ מְלַמֵּד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב; עֶר אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, עֶר גְרֵייט אָן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַּאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר קְלוּג, זֵיי כַאפְּן אוֹיף יֶעדֶע רִיר פוּנֶעם מְלַמֵּד; אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין זֵייעֶר פָּארְזִיכְטִיג וִוי אַזוֹי עֶר רֶעדְט אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ, וַוייל דִי קְלֵיינֶע רֵיינֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ כַאפְּן אוֹיף יֶעדֶע תְּנוּעָה פוּנֶעם מְלַמֵּד. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן אַרַיין גֵיין אִין קְלַאס צוּ דִי קִינְדֶער מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת וְכוּ'.

זֶע אַז עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין רֵיין אִין קְלַאס; מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער וֶוען עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף טִישְׁן אוּן בֶּענְק. אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף רֵיינְקֵייט וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וַוייל קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ דֶעם מְלַמֵּד; אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז רֵיין זֶענֶען דִי קִינְדֶער רֵיין, אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז מְסוּדָר זֶענֶען דִי קִינְדֶער מְסוּדָר.

...

**וֶוען מֶען אִיז אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִינְדֶערְהֵיים, זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יַיְשַׁר כֹּחַ פַאר דִי מַתָּנוֹת פַאר מַיינֶע קִינְדֶער; זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי שְׁפִּילְצֵייג.

זֶע צוּ מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; יֶעצְט וֶוען דִי פְרוֹיעֶן זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ פַארְשְׁפַּארְט דַארְפְן זֵיי אַסַאךְ חִיזּוּק אוּן שְׁטַארְקֵייט פוּנֶעם מַאן; זָאלְסְטוּ זֶען אִיר צוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן אִיר גֶעבְּן שְׁטַארְקֵייט, דָאס וֶועט אִיר גֶעבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, זִי זָאל נִישְׁט פַאלְן פוּן דִי כֹּחוֹת.

אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סְגוּלָּה פַאר עֲשִׁירוּת; דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי וַוייבּ - הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח.

...

**עֵצוֹת פַאר גֶעזוּנְט אוּן צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ג׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן בְּלַייבְּן לֶעבְּן נֶעם דִי סְגוּלָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, הוֹיבּ אָן פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): ״אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו״; אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָב צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה צְוֵויי מָאל חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם אוּן וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אִיז זוֹכֶה צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה צוּ אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן, אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַנְהָגַת הַלִּימוּד [ע׳ שנז]) אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת; אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט נַארְן, מֶען דַארְף קוּקְן צִי מֶען טוּט טַאקֶע יֶעדֶע וָואךְ אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה פַארְלַאנְגְט, וִוי דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ׳נְט (שָׁם, סְעִיף ג): ״מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר״, פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ״א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה; אַז מֶען טֵיילְט אֵיין דִי פַּרְשָׁה צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג נֶעמְט עֶס נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט נִישְׁט מֶער וִוי אַפָּאר מִינוּט, פִינְף צֶען מִינוּט; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע שְׁמִירָה פַאר׳ן מֶענְטְשׁ.

בְּנוֹגֵעַ פַּרְנָסָה; זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען יֶעצְט גֶעבְּלִיבְּן אָן פַּרְנָסָה צוּלִיבּ דִי מַצָּב פוּן קָארָאנֶע, אָבֶּער מִיר אִידְן דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען אוּן מֶען טָאר נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח.): ״בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךְ, וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךְ,

וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ; אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ, אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא"; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּ נֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן אֲפִילוּ אֵיין פְּרוּטָה; יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאְרדִינְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעם דִי סְגוּלָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ פַאר פַּרְנָסָה; אַ גְרִינְגֶע סְגוּלָה, אַ זִיכֶערֶע סְגוּלָה - מֶען זָאל בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פוּן אִינֶעוֵוייניג, קֵיינְמָאל נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פוּן אוֹיסְנֶוֵוייניג. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז פוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר רַייךְ. מִיר הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן מִיט עֲשִׁירוּת וַוייל אִיךְ טוּ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ בֶּענְטְשׁ נָאר אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער; פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס וֶועסְטוּ אוֹיךְ וֶוערְן רַייךְ, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט פֶעלְן קַיין גֶעלְט.

נָאךְ אֵיין סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען דִי רֶעגִירוּנְג הָאט פַארְמַאכְט אַלֶע פְּלֶעצֶער אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אַרְבֶּעט, אַז מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵיצָנוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן א): "הַמִּתְלוֹצֵץ - מְזוֹנוֹתָיו מִתְמַעֲטִין", דֶער וָואס מַאכְט לֵיצָנוּת פַארְלִירְט זַיין פַּרְנָסָה; דִי אַלֶע קְלִיפְּס אוּן סְטֶעטוּס וָואס מֶען קוּקְט אִיז גוֹרֵם אַז מֶען זָאל זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט פַּרְנָסָה.

פַארְמַאךְ דַיין טֶעלֶעפָאן פוּן בַּאקוּמֶען טָאג אוּן נַאכְט מֶעסִידְזְשֶׁעס; שְׁרַייבּ זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַלֶע גְרוּפְּס וָואס שִׁיקְן דִיר נֵייעֶס אוּן לֵיצָנוּת, וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען קַיין טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען דֶערוֹיף לֵיצָנוּת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן לא): "מְאִיסוּתָא דְּבֵיתָא מֵבִיא לִידֵי עֲנִיּוּת", אַז עֶס אִיז דָא אִין שְׁטוּבּ שְׁמוּץ בְּרֶענְגְט דָאס אָרֶעמְקֵייט; וַוייל דֶער מַלְאָךְ וָואס אִיז מְמוּנֶה אוֹיף אָרֶעמְקֵייט הֵייסְט נָבָל (פְּסָחִים קיא:), אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַ שְׁטוּבּ וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט רֵיין קוּמְט עֶר דָארְט אוּן בְּרֶענְגְט אָרֶעמְקֵייט. וָואס אִיז נָאךְ אַזוֹי מִיאוּס וִוי הָאבְּן אַן אָפֶענֶעם סֶעלְפָאוּן, טֶעבְּלֶעט אָדֶער קָאמְפְּיוּטֶער וְכוּ', וָואס מֶען קֶען זֶען דֶערוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן?! אַוַדַאי גֵייט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע בְּרָכָה!

הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ פַאר אוּנְזֶער טֵייעֶרֶער חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶס אִיז גֶעוֶוען קוֹים אַ מִנְיָן אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן, אָבֶּער בְּרְמִיזָה קֶען אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַז דֶער קָאךְ קָאכְט און מֶען טֵיילְט פֵיינֶע עֶסְן, און אוֹיךְ דִי פֵייגְלֶעךְ זֶענֶען דָא, זֵיי ווִילְן פַארְלֶעשְׁן דִי פֵייעֶר אָבֶּער זֵיי צִינְדְן עֶס אָן שְׁטֶערְקֶער און שְׁטֶערְקֶער (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוֹיסְלֶעשְׁן דֶעם טֶעלֶעפָאן וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ נֶעם זִיךְ אוֹיס מִיט דִיר אַז דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס דוּ דַארְפְסְט זַיין מִיט דִי קִינְדֶער דַארְפְסְטוּ אוֹיסְלֶעשְׁן דַיין טֶעלֶעפָאן, אַז נִישְׁט אִיז דָאס גְנֵיבָה וּגְזֵילָה; אִיךְ צָאל דִיר צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער און אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם מִיט גוּטֶע מִידוֹת, און דֶער טֶעלֶעפָאן נֶעמְט אַוֶועק דַיין קָאפּ און דַיין הַארֶץ פוּן דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט דָא אַ מְלַמֵד אַ גַנָב וָואס הָאט בַּא'עַוְולְה'ט דִי קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן אִים גֶעדַארְפְט פַארְשִׁיקְן.

פוּן הַיינְט און ווַייטֶער דַארְפְסְטוּ פַארְלֶעשְׁן דַיין טֶעלֶעפָאן און נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ און שְׁטַארְק דַיין ווַייבּ; דוּ ווֵייסְט נִישְׁט וָואס פַאר אַ נֵס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַן אֵשֶׁת חַיִל.

...

**עֶס אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּצוּגֶעוואוֹינֶען צוּ אַ טֵייעֶר לֶעבְּן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר בֶּעט פַאר חִיזּוּק אוֹיף נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, וְכַדוֹמֶה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעהָאלְפְן אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַ חָתָן אַ

תַּלְמוּד חָכָם, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף ווִיל עֶר בְּלַייבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶועֶנען נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער דָאס וֶועט זִיךְ בֶּאֱמֶת נָאר אִין אַייךְ.

דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים אוּן צַדִיקִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן ווייל אוּנְטֶער זֵייעֶר גְרוֹיסְקֵייט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַן אֵשֶׁת חַיִל וָואס הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ לֶעבְּן אַ פָּשׁוּט'עֶ לֶעבְּן, אַן אָרֶעמֶע לֶעבְּן, אַבִּי אִיר מַאן זָאל בְּלַייבְּן לֶערְנֶען; אַלֶע גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען וואוּ זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען נָאר צוּלִיבּ זֵייעֶר וַוייבּ, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דִי פְרוֹי. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָנִים זֶה מִזֶּה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, נָאכְדֶעם וָואס עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶע'גֶט, "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", אוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע, אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, פִירְט אוֹיס דֶער מֶדְרָשׁ: "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְרוֹי.

אַז אִיר הֵייבְּט אָן אַייעֶר לֶעבְּן מִיט טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער וֶועט עֶס וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין נָאךְ אַייעֶר חֲתוּנָה; אִיר וֶועט פַארְלַאנְגֶען נָאךְ אוּן נָאךְ פוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, בִּיז עֶר וֶועט דַארְפְן גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט אוּן פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן פַאר זַיינֶע זִיבֶּעצִיג יָאר, עֶר וֶועט אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען, אָפְּלָאזְן דָאס דַאוֶונֶען - כְּדֵי צוּ קֶענֶען דֶעקְן אַייעֶרֶע פִילֶע גְרוֹיסֶע גֶעבְּרוֹיכְן; פְרֶעג אִיךְ אַייךְ: "לוֹינְט זִיךְ דָאס? אִיז דָאס וֶוערְד?!"

עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה, אַ אִיד אַן אָרֶעמַאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט אֵיין שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ טֵייעֶרֶער מַאנְטְל מִיט דִי גֶעלְט וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט בִּירוּשָׁה, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "פָאלְג מִיר אוּן וַוארְף עֶס אַוֶועק, דוּ דַארְפְסְט עֶס נִישְׁט הָאבְּן!" דֶער אִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס רֶבִּי נָתָן הֵייסְט אִים דָאס אַוֶועק וַוארְפְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיטְ'ן מַאנְטְל?" הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אַ טֵייעֶרֶער מַאנְטְל קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶענְגֶען אוֹיף אַ פָּשׁוּטְ'ן הֶענְגֶער, מֶען דַארְף פַארְדֶעם קוֹיפְן אַ

טֵייעֶרֶער הֶענְגֶער אוּן אַ טֵייעֶרֶער הֶענְגֶער מִיט אַ טֵייעֶרֶער מַאנְטֶל קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶענְגֶען אִין אַן אַלְטְן שַׁאפֶע, וֶועסְטוּ דַארְפְן גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ טֵייעֶרֶער שַׁאפֶע, נָאךְ מֶער - זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן - אַ טֵייעֶרֶער שַׁאפֶע פַּאסְט נִישְׁט אַרַיין אִין אַן אָרֶעמֶע שְׁטוּב, דוּ וֶועסְט דַארְפְן בָּארְגְן גֶעלְט זִיךְ אִיבֶּער צוּ בּוֹיעֶן דַיין שְׁטוּב, דָאס וֶועט אַרַיין צִיעֶן אִין שְׁוֶועֶרֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, וַוייל וֶוען מֶען בּוֹיט אִיבֶּער אַ שְׁטוּב אִיז דָאךְ אַ שָׁאד נִישְׁט צוּ מַאכְן דָאס אוּן יֶענְץ אוּן דָאס, קוּמְט אוֹיס אַז צוּלִיבּ דַיין מַאנְטֶל וֶועסְטוּ פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן פַאר דַיינֶע זִיבֶּעצִיג יָאר, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן דַיין טֵייעֶרֶער מַאנְטֶל וֶועסְטוּ קֶענֶען וַוייטֶער לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, אַז אִיר הוֹיבְּט אָן דָאס לֶעבְּן מִיט טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער וֶועט אִיר נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְפְן הָאבְּן אַ טֵייעֶרֶער קֶערִידְזְשׁ (קִינְדֶער וֶועגֶעלֶע), אוּן אַז מֶען הָאט אַ טֵייעֶרֶער קֶערִידְזְשׁ קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין מִיט אַלְטֶע גֶענוּצְטֶע שְׁטִיוְול, דַארְף מֶען קוֹיפְן טֵייעֶרֶע שְׁטִיוְול אוּן אַזוֹי שְׁלֶעפְּט דָאס אַרַיין אִין טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, קֶען אַזוֹי דֶער מַאן נִישְׁט לֶערְנֶען, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל וֶוען מֶען בָּארְגְט גֶעלְט, מֶען הָאט חוֹבוֹת - אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הָאבְּן חוֹבוֹת.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר קוּקְן אוֹיף דִי לֶעבְּן מִיט אַן אֱמֶת'ן בְּלִיק, אִיר וֶועט לֶעבְּן דֶעם תָּם'ס לֶעבְּן, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט' - מֵחָכָם וְתָם); עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט, עֶר הָאט גֶעהַאט בְּרוֹיט מִיט וַואסֶער מִיט אֵיין פֶּעלְץ פַאר אִים אוּן זַיין וַוייבּ אוּן אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶער חָכָם זַיין חָבֵר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דִיפְּרֶעסְט אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, מֶען אִיז קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא.

בְּנוֹגֵעַ וֶוער עֶס זָאל אַייךְ לֶערְנֶען אוּן אַייךְ אָנְגְרֵייטְן אוֹיף נָאךְ דִי חֲתוּנָה; אִיר הָאט מִיר שׁוֹין גֶעפְרֶעגְט אוּן אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעעֶנְטְפֶערְט, וָואס דַארְפְט אִיר אִיבֶּער פְרֶעגְן? טְרַאכְטְס נִישְׁט אַז אִיךְ וִויל אַייךְ אַוֶועקְשְׁטוּפְן, וַוייל נָאר תַּלְמִידוֹת קֶענֶען לֶערְנֶען בַּיי דֶעם אוּן דִי לֶערְנֶען בַּיי דֶעם, אִיךְ וִויל דָאס בֶּעסְטֶע פַאר אַייךְ,

און איר וועט אִם יִרְצֶה ה' האָבְּן דאָס בֶּעסְטֶע.

...

## נישְׁט שִׁיקְן מִיט דִי קִינְדֶער עֶסְן פַאר מִיטָאג, נִישְׁט מַאכְן גֶעבוּרְטְס-טָאג פַּארְטִיס.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֵייעֶרֶע קִינְדֶער בְּרֶענְגֶען מִיט עֶסְן אִין סְקוּל אַז מֶען קֶען נִישְׁט שִׁיקְן מִיט דִי קִינְדֶער עֶסְן פַאר מִיטָאג; דִי סְקוּל גֶעבְּט עֶסְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער און נָאר דָאס קֶענֶען זֵיי עֶסְן, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אַז אַנְדֶערֶע קִינְדֶער פַארְלַאנְגֶען אִין שְׁטוּב אַז מֶען זָאל זֵיי אוֹיךְ שִׁיקְן מִיט עֶסְן וָואס אַנְדֶערֶע בְּרֶענְגֶען.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן עֶס זָאל נִישְׁט פָארְקוּמֶען קַיין גֶעבוּרְטְס-טָאג פַּארְטִי אִין סְקוּל.

זֶע צוּ פִירְן דִי סְקוּל בֵּית פֵיגָא אִין שְׁטֶעטְל אַזוֹי ווִי עֶס פִירְט זִיךְ בֵּית פֵיגָא אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג; עֶס אִיז גוּט אַז דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט מָרַת ... תִּחְיֶ' דִי מְנַהֶלֶת פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג און אִיר פְרֶעגְן, פוּן אִיר וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיס הָאבְּן ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי סְקוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁרַייבּ זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַלֶע מֶעסֶעדְזְשׁ גְרוּפְּס.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

שְׁרַייבּ זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַלֶע מֶעסִידְזְשׁ גְרוּפְּס, אֲפִילוּ פוּן דִי גְרוּפּ וָואס רוּפְט זִיךְ: "בְּרֶסְלֶב גְרוּפּ" אָדֶער "בְּרֶסְלֶב'עֶ פְרוֹיעֶן" וְכַדוֹמֶה; אוֹיבּ אִיז דָאס סְתַּם בּוֹיךְ וֵויי פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרָאפְּשְׁרַייבְּן פוּן דֶעם, אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ גֶעבְּן טֵייעֶרֶע צַייט, קָאפּ און מֹחַ פַאר נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי גְרוּפּ פַאר בְּרֶסְלֶב'עֶ פְרוֹיעֶן הָאט

מֶען דָאס גֶעעֶפְנְט נָאר פַאר חֶסֶד - זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; אֵיינֶער פְרֶעגְט אַן עֵצָה פוּנֶעם צְוֵוייטְן, אֵיינֶער פְרֶעגְט וְוי אַזוֹי מֶען קָאכְט אוּן בַּאקְט, אָדֶער צוּ מוֹדִיעַ זַיין וֶוען עֶס אִיז דָא שִׁיעוּרִים, חֵדֶר אוּן סְקוּל, אָבֶער אַז עֶס וֶוערְט אַ גְרוּפּ פוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן בּוֹיךְ וֶוייטָאג אִיז זִיכֶער כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרָאפְּגֵיין פוּנֶעם גְרוּפּ.

עֶס אִיז גוּט צוּ הָאבְּן אַ גְרוּפּ צְוִוישְׁן דִי פְרוֹיעֶן וואוּ מֶען שְׁרַייבְּט אוּן מֶען פְרֶעגְט נָאר פַאר חֶסֶד זַאכְן וְכַדוֹמֶה, אָבֶער סְתַּם אוֹיסְשְׁמֶועסְן צַייט אִיז מַמָשׁ אַן עֲבֵירָה; דִי טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשֶׁעס לָאזְט נִישְׁט עֶסְן, לָאזְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אוּן לָאזְט נִישְׁט הָאבְּן צַייט פַאר דִי מַאן אוּן קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ צִי מֶען מֶעג עֶסְן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאךְ לִיכְט צִינְדְן; וֶוען אַ פְרוֹי מַאכְט דִי בְּרָכָה "לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת" - אִיז זִי מְקַבֵּל שַׁבָּת, דֶעריבֶער דַארְף זִי קוֹדֶם אָנְצִינְדְן דִי לִיכְט אוּן נָאכְדֶעם מַאכְן דִי בְּרָכָה, וַוייל וְוי נָאר זִי מַאכְט דִי בְּרָכָה וֶוערְט בַּיי אִיר שַׁבָּת, דֶערְפַאר טָאר זִי נִישְׁט צִינְדְן דִי לִיכְט נָאךְ דִי בְּרָכָה; אוּן אַז מֶען הָאט מְקַבֵּל שַׁבָּת גֶעוֶוען אוּן מֶען וִויל עֶסְן דַארְף מֶען קוֹדֶם מַאכְן קִידוּשׁ, מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַאר מֶען הֶערְט קִידוּשׁ, דֶעריבֶער אוֹיבּ אִיז מֶען הוּנְגֶעריג אוּן מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ עֶסְן פַאר לִיכְט צִינְדְן זָאל מֶען טְרַאכְטְן בִּשְׁעַת מֶען צִינְדְט דִי לִיכְט אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְקַבֵּל שַׁבָּת, אַזוֹי קֶען מֶען עֶסְן נָאךְ לִיכְט צִינְדְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער בִּשְׁעַת מֶען דַאוֶונְט דֶעמָאלְט אִיז מֶען מְקַבֵּל שַׁבָּת.

בְּנוֹגֵעַ יוֹם טוֹב, אִיז נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה צִי מֶען מֶעג עֶסְן וַוייל מֶען צִינְדְט אָן דִי לִיכְט בַּיי דִי סְעוּדָה.

בְּנוֹגֵעַ דִי קָאפּ צוּדֶעק; אֲפִילוּ מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דַארְף מֶען נָאךְ אַלְץ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי קָאפּ זָאל זַיין צוּגֶעדֶעקְט, אוּן דִי שְׂכַר פַאר דֶעם אִיז קִינְדֶער צַדִיקִים.

בְּנוֹגֵעַ פָאלְגְן עֶלְטֶערְן; פְּרִיוַואט בַּיי דִיר קֶענְסְטוּ זִיךְ פִירְן אוֹיף דַיין וֶועג, אוּן אִין גֶעגְנְוַוארְט פוּן זֵיי זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן פָאלְגְן אוּן טוּן וְוי אַזוֹי זֵיי בֶּעטְן דִיר.

בְּנוֹגֵעַ לָאזְן דֶעם שַׁבָּת טִישְׁטוּךְ בִּיז זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי; עֶס אִיז דָא אַזַא מִנְהָג צוּ לָאזְן דֶער וֶוייסְן טִישְׁטוּךְ בִּיז זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי, דָאס אִיז מְסוּגָל לַפַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת, זֵיי וֶועלְן זַיין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים, עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

**עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּ וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶע פְרוֹי.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ד׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיר אַלֵיינְס וֵוייסְט נִישְׁט ווִי קְרַאנְק אִיר זֶענְט - אַז אִיר ווִילְט נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אַייעֶר מַאן, אִיר ווִילְט נָאר לֶעבְּן מִיט חַבְרְ׳טֶעס רַחְמָנָא לִצְלָן. דִי צָרָה אִיז אַ דָאפֶּעלְטֶע, וַוייל אִיר טְרַאכְט אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אֵיינֶער הָאט אַייךְ פַארְדְרֵייט דֶעם קָאפּ אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט פַאר אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער (וַיִּקְרָא יח, ג): ״כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם בָּהּ לֹא תַעֲשׂוּ״, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט פִירְן אַזוֹי ווִי דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סה.; יְבָמוֹת עו.) אַז דָאס אִיז מַעֲשֶׂה זְנוּת.

דִי שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיר ווִילְט זִיךְ בִּכְלַל אוֹיסְהֵיילְן אָדֶער אִיר ווִילְט בְּלַייבְּן קְרַאנְק אַ גַאנְץ לֶעבְּן; אוֹיבּ אִיר ווִילְט זִיךְ הֵיילְן אִיז דָא אַ וֶועג דָאס צוּ הֵיילְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ פֶעלֶער פוּן אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען אִיז גֶעוֶוען טוֹיט קְרַאנְק אַזוֹי ווִי אִיר זֶענְט אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט, זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיף נִישְׁט אַ גוּטֶע וֶועג, זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּט אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דֶעם אָן ווִיסְן, אָבֶּער אַז אִיר ווִילְט בִּכְלַל נִישְׁט הֶערְן אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, אִיר הַאלְט אַייךְ פַאר אַ חַכְמֶת, אִיר הָאט שְׁלֶעכְטֶע חַבְרְ׳טֶעס וָואס רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דִי תּוֹרָה אוּן טַייטְשְׁן אוֹיס פְּסוּקִים לוֹיט אַייעֶרֶע מְנִיוָולוּת - דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זִיךְ דַארְפְן גֶטְ׳ן.

עֶס קֶען זַיין אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַ פַּחַד פוּן מֶענֶער צוּלִיבּ אַייעֶר בְּרוּדֶער; אַייעֶר בְּרוּדֶער אִיז אַייךְ נָאכְגֶעלָאפְן אַלְס מֵיידֶל, אַייךְ אוּן אַלֶע אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, עֶר הָאט עֶנְק אַלֶע בַּאצְווִינְגֶען רַחְמָנָא לִצְלָן, דָאס הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ שְׁרֶעק אִין אַייךְ פוּן מֶענֶער אוּן בִּיז יֶעצְט ווִילְט אִיר נִישְׁט ווִיסְן פוּן קַיין מַאן, אָבֶּער אַייעֶר מַאן אִיז זִיכֶער נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶר ווִיל לֶעבְּן אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, וֶועט מֶען זִיךְ דֶעמָאלְט דַארְפְן גֶטְ׳ן; אִיךְ וֶועל נִישְׁט לָאזְן אַייעֶר טַייעֶרֶער מַאן זִיךְ אָפְּלַיידְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּן בְּלַייבְּן מִיט אַייךְ, נָאר אוֹיבּ אִיר זָאגְט אַז אִיר ווִילְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר מַצָּב.

פוּן הַיינְט זָאלְט אִיר יֶעדְן טָאג זָאגְן תְּהִלִּים; זָאגְטְס דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט זַיין אַ תְּשׁוּבָה פַארְ׳ן זָאגְן אַזַא מִיאוּס׳עֶ זַאךְ אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע

צַדֶיקֶת רוּת. וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:) אַז זִי הָאט בַּאקוּמֶען אִיר נָאמֶען רוּת וַוייל רוּת אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן אָנְטְרִינְקֶען, פוּן אִיר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער צַדִיק דָוִד הַמֶלֶךְ וָואס הָאט אָנְגֶעטְרִינְקֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען דִי הֵיילִיגֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאגְטְס דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן וֶוען אִיר עֶנְדִיגְט דֶעם יוֹם זָאלְט אִיר זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין קְרַאנְק אִין קָאפּ, אִיךְ וִויל נִישְׁט לֶעבְן מִיט אַ מַאן; אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט אָן אַ ווִילְן, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן מִיר חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אָבֶער אִיךְ וִויל נִישְׁט לֶעבְן מִיט אַ מַאן, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ וִויל לֶעבְן מִיט חַבֶר'טֶעס אַזוֹי וִוי דִי מִצְרִי'שֶׁע פְרוֹיעֶן אוּן דִי גֶעמֵיינֶע פֶעלְקֶער לֶעבְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְדְרֵייט פוּן שְׁלֶעכְטֶע חַבֶר'טֶעס; דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט מִיר אַיין אַז דָאס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייל מִיר אוֹיס פוּן מַיין קְרַאנְקְהֵייט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וֶועלְן זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ זָאל וֶועלְן לֶעבְן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְן, אַ רֵיינֶע לֶעבְן אוּן אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְן אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין קְרַאנְק אִין קָאפּ, אַלֶע מַיינֶע גֶעפִילְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעדְרֵייט? מַיין בְּרוּדֶער הָאט מִיר גֶעפַּיינִיגְט אַלְס מֵיידְל, פוּן דֶעמָאלְט אִיז מִיר אַרַיין אַ פַּחַד צוּ מֶענֶער, אוּן הַיינְט בִּין אִיךְ אַזוֹי פַארְדְרֵייט אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין אַזוֹי בְּלַייבְּן. אִיךְ בִּין חֲתוּנָה גֶעהַאט אָבֶער אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ אַ מַאן אָבֶער אִיךְ וִויל נִישְׁט קַיין מַאן; אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּ קֶענְסְט אַלֶעס, דוּ מַאכְסְט אַלֶעס, דוּ גֶעבְּסְט שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶע פְרוֹי.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַאטֶעוֶוע מִיר, קוּק מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ, אִיךְ אַלֵיינְס וִויל נִישְׁט דִי סָארְט לֶעבְּן; הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע, אַ גֶעזוּנְטֶע פְרוֹי; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶער צוּ מַיין גֶעבֶּעט אוּן מַיין גֶעוֵויין; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מַלְכָּה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן קַאפִּיטְל כ"ט פוּן תְּהִלִּים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן י): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", אַז מֶען זָאגְט קַאפִּיטְל כ"ט נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם רוּחַ רָעָה וָואס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ; וֶועט דָאס זִיכֶער אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם רוּחַ רָעָה, דֶער רוּחַ הַטּוּמְאָה פוּן אַייךְ, אִיר וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן שֵׁדִים וָואס הָאבְּן אַייךְ גֶעפַאנְגֶען:

"מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַה' בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַה' כָּבוֹד וָעֹז, הָבוּ לַה' כְּבוֹד שְׁמוֹ הִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ. קוֹל ה' עַל הַמָּיִם אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים ה' עַל מַיִם רַבִּים. קוֹל ה' בַּכֹּחַ קוֹל ה' בֶּהָדָר. קוֹל ה' שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר ה' אֶת אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן. וַיַּרְקִידֵם כְּמוֹ עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיֹן כְּמוֹ בֶן רְאֵמִים. קוֹל ה' חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ. קוֹל ה' יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל ה' מִדְבַּר קָדֵשׁ, קוֹל ה' יְחוֹלֵל אַיָּלוֹת וַיֶּחֱשֹׂף יְעָרוֹת וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד, ה' לַמַּבּוּל יָשָׁב וַיֵּשֶׁב ה' מֶלֶךְ לְעוֹלָם, ה' עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן ה' יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם".

אַז אִיר וֶועט פָאלְגְן וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו, אִיר וֶועט לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ אַפָּאר מָאל אַ טָאג - אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה וֶועט אִיר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּרִיק וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶע פְרוֹי אוּן אַ גֶעטְרֵייֶע וַוייבּ צוּ אַייֶער מַאן, אִיר וֶועט לֶעבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן.

...